בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

## קכ"ח

יו"ל: י"ח כסלו ה'תשפ"ד לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

**יוסף מענדל האָס**

מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**

**(ארה"ק: 072-257-3456)**

©

כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות העתקת הטייפס ולהדפיסם, וכמו כן כדי לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $30 יש להתקשר:

**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:

בקו 'מערכת ברסלב'

ארה"ק: 02.560.7387

ארה"ב: 646.585.2985

ענגלאנד: 0330.390.0487

בעלגיע: 03.808.1775

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:

**#2.1.2.1.1 ואח"כ #128**

# תוכן השיעור

**דער תכלית פון אלע נבראים**

**שיעור נישט אויסגעגאנגען...**

**ווער האט געקענט אריינווארפן דעם רענדל?**

**זיין א ריכטיגער ארץ ישראל'דיגער איד!**

**סגולה מרביז"ל לחולי הקדחת**

**"איר דארפט זיך זייער יאגן"...**

**"וואו א הרהור תשובה - נעמט זיך דאס פון מיר!"**

**"דערווייל זאג איך תורה!"**

**הייליג אָן קיין 'גבול'**

**"פאר אזא יוסעלע איז שוין געווען כדאי!"**

**קיינמאל נישט געגאנגען אין מקוה**

**זיך אריינעמען אין דעם 'דעת'**

**קענען דעם רבי'ן**

**"מיט שעפל מיט לעפל"**

**"והוא הסתכל וחזה בי"**

**דער באהאלטענער סופר**

**"ינוח ראשך על מקומך"**

**בלויז א קוק געגעבן**

**"אברהמ'ל, ווער האט אויסגעפירט?"**

**"געוואלד, איך האב נישט מיט וועמען צו רעדן!"**

**'ראיית פני הצדיק' היינטיגע צייטן**

בס"ד

# פרשת תצוה

**שנת תשל"ו**

(טייפ מס' 140#)

## דער תכלית פון אלע נבראים

[שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"א, בא"ד]

דער רבי זאגט: "וְעִקַּר הַכָּבוֹד שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִתְגַּלֶּה רַק עַל יְדֵי הָאָדָם".

- דער מענטש דארף מאכן אז פון אלע עשרה מאמרות זאל ארויסקומען פארן אויבערשטן א כבוד[א].

דער זוהר הקדוש ברענגט[ב], (דער אויבערשטער האט געזאגט:) "'נַעֲשֶׂה אָדָם' וואס ער וועט זאגן: 'נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע'". 'נעשה אדם', וואס דער מענטש וועט זאגן: "נעשה ונשמע".

---

[א] וכמו שכתוב במאמר הנ"ל מקודם, וזל"ש: כִּי כָּבוֹד הוּא תִּקּוּן הָעוֹלָם, כִּי כָל הָעוֹלָם נִבְרָא בִּשְׁבִיל הַכָּבוֹד, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה מ"ג): "לִכְבוֹדִי בְּרָאתִיו" וְכוּ' (יוֹמָא לח), הַיְנוּ בִּשְׁבִיל כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. כִּי יֵשׁ כָּבוֹד פְּרָטִי לְכָל מַאֲמָר וּמַאֲמָר שֶׁל הָעֲשָׂרָה מַאֲמָרוֹת שֶׁבָּהֶם נִבְרָא הָעוֹלָם, אֲשֶׁר בִּשְׁבִיל אוֹתוֹ הַכָּבוֹד הָיָה זֶה הַמַּאֲמָר, שֶׁעַל יָדוֹ נִבְרָא חֵלֶק פְּלוֹנִי מֵהַבְּרִיאָה. **נִמְצָא שֶׁכָּל מַאֲמָר וּמַאֲמָר יֵשׁ לוֹ כָּבוֹד מְיֻחָד, שֶׁבִּשְׁבִיל זֶה הַכָּבוֹד הָיָה אוֹתוֹ הַמַּאֲמָר.** כִּי זֶה הַמַּאֲמָר, שֶׁבּוֹ נִבְרָא חֵלֶק פְּלוֹנִי מֵהַבְּרִיאָה, הָיָה בִּשְׁבִיל כָּבוֹד זֶה, כְּדֵי שֶׁיַּגִּיעַ כָּבוֹד זֶה לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכֵן מַאֲמָר אַחֵר, שֶׁבּוֹ נִבְרָא חֵלֶק אַחֵר מֵהַבְּרִיאָה, הָיָה בִּשְׁבִיל כָּבוֹד אַחֵר, שֶׁיַּגִּיעַ אוֹתוֹ הַכָּבוֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכֵן כָּל הַמַּאֲמָרוֹת, כֻּלָּם הָיוּ רַק בִּשְׁבִיל כְּבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲשֶׁר בִּשְׁבִיל זֶה נִבְרָא הָעוֹלָם כַּנַּ"ל. **וְעַל כֵּן כְּשֶׁאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל זוֹכֶה לִרְאוֹת בְּעַצְמוֹ אֵיזֶה הִתְגַּלּוּת הַכָּבוֹד, הַיְנוּ כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵיזֶה כָּבוֹד, אֲזַי הוּא צָרִיךְ לֵידַע מֵאֵיזֶה מַאֲמָר נִתְהַוָּה זֶה הַכָּבוֹד, אֲשֶׁר בִּשְׁבִיל זֶה הַכָּבוֹד הָיָה אוֹתוֹ הַמַּאֲמָר, שֶׁעַל יָדוֹ נִבְרָא חֵלֶק מֵהַבְּרִיאָה כַּנַּ"ל.**

[ב] הקדמת הזוהר דף א:

"כִּי הָאָדָם הוּא תַּכְלִית כָּל הַנִּבְרָאִים. כִּי עִקַּר הַבְּרִיאָה הָיְתָה בִּשְׁבִיל הָאָדָם, כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרֵךְ הוּא עַל יְדֵי הָאָדָם.

דער אויבערשטער האט פריער באשאפן אלעס, און נאכדעם האט ער באשאפן ׳אדם׳ וואס ער וועט פון אלצדינג ברענגען א כבוד פארן אויבערשטן - אלץ דורך דעם ׳אדם׳.

וְעַל כֵּן עַל יְדֵי הַהוֹלָדָה, כְּשֶׁנּוֹלָדִין וְנִתְרַבִּין בְּנֵי אָדָם בְּיוֹתֵר, עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלֶּה כְּבוֹדוֹ בְּיוֹתֵר, כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת הַכָּבוֹד עַל יְדֵי בְּנֵי אָדָם כַּנַּ"ל.

❖

## שיעור נישט אויסגעגאנגען...

"וְדַע, כִּי מֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הֵם בְּחִינַת נֹעַם, וּמֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (זכרי׳ י״א): ׳לְאַחַד קָרָאתִי נֹעַם וּלְאַחַד קָרָאתִי חֹבְלִים׳. וְאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סנהדרין כד): ׳נֹעַם׳ - ׳אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁמַּנְעִימִים זֶה לָזֶה בַּהֲלָכָה׳, ׳חֹבְלִים׳ - ׳אֵלּוּ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים שֶׁבְּחוּץ לָאָרֶץ, שֶׁחוֹבְלִים זֶה לָזֶה בַּהֲלָכָה׳. וְעִקַּר הַהוֹלָדָה הוּא עַל יְדֵי בְּחִינַת נֹעַם הָעֶלְיוֹן, כִּי מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן נִתְעוֹרְרִין שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא, אֲשֶׁר עַל יָדָם בָּא הַהוֹלָדָה, בִּבְחִינַת (שמואל-ב א): ׳נָעַמְתָּ לִּי מְאֹד, נִפְלְאַתָה אַהֲבָתְךָ לִי מֵאַהֲבַת נָשִׁים׳. שֶׁעַל יְדֵי נֹעַם הָעֶלְיוֹן מִתְעוֹרֵר הָאַהֲבָה, בְּחִינַת שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא שֶׁעַל יָדָם הַהוֹלָדָה.

"וְנֹעַם הָעֶלְיוֹן שׁוֹפֵעַ תָּמִיד, אֲבָל צְרִיכִין כְּלִי לְקַבֵּל עַל יָדוֹ שֶׁפַע נֹעַם הָעֶלְיוֹן. וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי צְדָקָה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי לְקַבֵּל עַל יָדָהּ מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא, כִּי צְדָקָה הִיא נְדִיבוּת לֵב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות כה): ׳מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי׳, וּנְדִיבוּת לֵב, הַיְנוּ שֶׁנִּפְתָּח וְנִתְנַדֵּב הַלֵּב, וְעַל יְדֵי זֶה נִפְתָּחִין שְׁבִילִין דְּלִבָּא, וְנַעֲשִׂין כְּלִי לְקַבֵּל שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא, שֶׁנִּמְשָׁכִין מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן כַּנַּ"ל.

"וְיֵשׁ צְדָקָה שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וְיֵשׁ צְדָקָה שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ. וְעִקָּר הוּא הַצְּדָקָה שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁעַל יָדָהּ נַעֲשֶׂה כְּלִי לְקַבֵּל מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה הַהוֹלָדָה כַּנַּ"ל".

און וואס איז מיט צדקה פון חוץ לארץ? נאר יעדע זאך דארף האבן עפעס א מין יניקה פון ארץ ישראל, דארף מען האבן עפעס א מין יניקה פון ארץ ישראל. אין ארץ ישראל איז אלץ נעימות, דא אין ארץ ישראל איז שופע דער נועם העליון. דערפאר טאקע, דא איז 'מנעימים זה לזה בהלכה' - יעדע זאך פון ארץ ישראל איז אלץ מיט א נעימות. אויך די צדקה פון ארץ ישראל איז אַן אנדערע צדקה, א צדקה מיט א נעימות. די צדקה פון חוץ לארץ דארף אויך האבן א יניקה פון דער צדקה.

"וְזֶה בְּחִינַת (הושע י): 'זִרְעוּ לָכֶם לִצְדָקָה', כִּי עִקַּר הַהוֹלָדָה עַל יְדֵי צְדָקָה כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת (בראשית לז): 'אֵלֶּה תֹּולְדוֹת יַעֲקֹב יוֹסֵף', הַיְנוּ שֶׁעִקַּר הַהוֹלָדָה עַל יְדֵי יַעֲקֹב וְיוֹסֵף. כִּי יַעֲקֹב הוּא בְּחִינַת צְדָקָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תהלים צט): 'מִשְׁפָּט וּצְדָקָה בְּיַעֲקֹב אַתָּה עָשִׂיתָ', וְעִקַּר הַהוֹלָדָה עַל יְדֵי צְדָקָה כַּנַּ"ל, (שֶׁהִיא הַכְּלִי לְקַבֵּל הַשְׁפָּעַת נֹעַם הָעֶלְיוֹן כַּנַּ"ל, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת נֹעַם, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר לְקַמָּן)".

די הולדות דארפן ווערן פון צוויי זאכן - פון 'יעקב' מיט 'יוסף'. ווייל דער עיקר הולדה איז דורך צדקה, און דורך צדקה איז מען מקבל פון דעם 'נועם העליון'. יעקב איז צדקה, אזוי ווי עס שטייט: "משפט וצדקה ביעקב אתה עשית". און דער עיקר הולדה איז דורך צדקה וואס דאס איז דער 'כלי לקבל השפעת נועם העליון'. און יוסף איז דער 'נועם העליון'; דער אמת'ער צדיק איז טאקע דער 'נועם העליון'. דערפאר טאקע איז זיין גאנצע זאך ארץ ישראל.

בשעת ר' נחמן טולטשינער איז געווען אין לעמבערג דאס אנדערע מאל[ג]. איינמאל איז ער דאך געווען מיט רבי נתן'ען[ד]. איז די אנדערע מאל האט ער געטראפן

---

[ג] בנסותו להדפיס שם כרך ראשון של ספר ליקוטי הלכות או"ח ח"א כמבואר בשיש"ק (חדש) ח"ב, אות ת"צ.

[ד] עיין שיש"ק (חדש) ח"ב, אותיות תמ"ט-תנ"ה.

דעם זון פון דעם פריערדיגן רב וואס דער רבי איז איינגעשטאנען ביי אים, און ר' נחמן איז אריינגעגאנגען דארטן שבת ביי דעם זון - דער דעמאלט'דיגן רב, טרינקען א גלאז טיי. האט אים דער רב אסאך זאכן דערציילט, ער האט דאך געדענקט דעם רבי'ן. האט ער דערציילט אז אין לעמבערג האט דער רבי זייער ממעט געווען בדיבור - ער האט זייער ווינציג גערעדט צוליב דער חולאת, אבער טאמער האט ער גערעדט - איז געווען וואס צו הערן, און טאמער האט ער דערציילט א מעשה פון ארץ ישראל (איז געווען גאר עפעס אנדערש)!

האט ער געזאגט, אמאל ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי צורעדט און דערציילט א מעשה פון ארץ ישראל, האט ער געזעהן ווי אט גייט אויס דאס חיות פון רבי'ן, עס איז שוין געווען אוים שבת, האט ער גענומען א לעכט און אריינגעברענגט און אנגעצונדן.

(אחד הנוכחים: ער האט אפגעקלאפט דאס דביקות) יא. האט ער געזאגט אז דער רבי האט אים געדאנקט דערפאר[ה].

א מעשה פון ארץ ישראל - "מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן נִתְעוֹרְרִין שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא!"

❖

## ווער האט געקענט אריינווארפן דעם רענדל?

"וְעַל יְדֵי הַהוֹלָדָה, דְּהַיְנוּ שֶׁנּוֹלָדִין וְנִתְרַבִּין בְּנֵי אָדָם, עַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלֶּה כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת (שם כב): "כָּל זֶרַע יַעֲקֹב כַּבְּדוּהוּ", כִּי עַל יְדֵי הַהוֹלָדָה שֶׁנַּעֲשָׂה עַל יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת צְדָקָה כַּנַּ"ל, עַל יְדֵי זֶה - 'כַּבְּדוּהוּ', כִּי עַל יְדֵי זֶה נִתְרַבֶּה כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל".

אין טשעהרין האט מען דערציילט, עס איז געווען דארט א פושקע פון מתן בסתר. געווענטליך האט מען אריינגעווארפן דארטן קליינע מטבע'לעך. איינמאל האט מען דארטן געפונען דריי רובל - א רענדל האט מען געפונען ליגן דארטן אין דער פושקע

---

[ה] מובא בשיש"ק (חדש) ח"א, אות ק'. עיין גם בהקדמת ר"א טעפליקער לחלק שני של ימי מוהרנ"ת.

- עס איז געווען א פארמאכטע פושקע. א טשעהרינער איד זאל אריינווארפן א רענדל? ווער האט געקענט אריינווארפן א רענדל? איז מען שוין געוואויר געווארן - 'עס איז ר' פנחס יהושע'! מען איז געוואויר געווארן אז ער האט אריינגעווארפן דעם רענדל...

ר' פנחס יהושע דער גרויסער "גביר"...

ער איז געווען אַן ארעמאן.

דער טשעהרינער רב האט געזאגט: "אז איך קום אריין און איך זעה ווי ר' פנחס יהושע הויבט אזוי די הענט, פאלט אויף מיר א ציטערניש!". ר' פנחס יהושע פלעגט הויבן די הענט ביים דאווענען[ו].

אז ער קומט אריין אין שול אריין און ער זעהט ר' פנחס יהושע הויבט די הענט, פאלט אויף אים א ציטערניש!

ער איז דאך געווען ר' יצחק אייזיק יוסל'ס א זון. ר' יצחק אייזיק יוסף איז מקורב געווארן ביי רבי נתן'ען - א קליינקייט?![ז] ר' פנחס יהושע אליין איז אויך געווען א געוואלדיגער מענטש!

---

[ו] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת השחר ה"ה, אות ק': נְשִׂיאַת כַּפַּיִם מוֹרֶה עַל גֹּדֶל עֹצֶם הָרָצוֹן וְהַהִשְׁתּוֹקְקוּת בְּכָל לֵב לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּבְחִינַת (אֵיכָה ג) נִשָּׂא לְבָבֵנוּ אֶל כַּפַּיִם אֶל אֵל בַּשָּׁמָיִם, בְּחִינַת (דְּבָרִים לב) כִּי אֶשָּׂא אֶל שָׁמַיִם יָדִי, בְּחִינַת (תְּהִלִּים קלד) שְׂאוּ יְדֵיכֶם קֹדֶשׁ וּבָרְכוּ אֶת ה'. **וּכְמוֹ שֶׁרוֹאִין בְּחוּשׁ שֶׁמִּי שֶׁמִּשְׁתּוֹקֵק מְאֹד לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֲזַי מַגְבִּיהַּ יָדָיו וּפוֹרֵשׂ כַּפָּיו** בִּבְחִינַת (שָׁם פֶּרֶק ח') שִׁטַּחְתִּי אֵלֶיךָ כַּפָּי, בְּחִינַת (שָׁם קמג) פֵּרַשְׂתִּי יָדַי אֵלֶיךָ.

[ז] מוזכר כבר במכתב מוהרנ"ת בדרכו לארה"ק, יום ד' כ"ו ניסן שמיני-ג' **ה'תקפ"ב**, אדעס: וַאֲשֶׁר בִּקֵּשׁ רַבִּי **יִצְחָק אַיְיזִיק יוֹסֵף** נֵרוֹ יָאִיר, לִשְׁלֹחַ לָהֶם תְּפִלָּה וכו' עיי"ש. עיין כוכבי אור שיחות וסיפורים אות נ"ז: "אָמַר הַמַּעְתִּיק: (הֶעְתֵּק מִכְּתַב־יַד מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל) בְּיוֹם ג' תְּצַוֶּה, י"א אֲדָר תקפ"ח לפ"ק, נִפְטַר ר' יִצְחָק אַיְיזִיק יוֹסֵף סוֹפֵר זַצַ"ל". דוק ותמצא שעליו לבד מכתיר מוהרנ"ת בתואר **"זצ"ל"**. גם עיין שם: "וּפַעַם אַחַת בְּיוֹם הַפּוּרִים בְּעֵת הַשְּׁתִיָּה הִתְפָּאֵר לִפְנֵי מוֹהֲרַנַ"ת **שֶׁאֵין מִתְיָרֵא עוֹד מִפְּנֵי הַיֵּצֶר הָרָע**. וְאַחַר הַפּוּרִים לְמָחֳרָתוֹ נִכְנַס עוֹד הַפַּעַם לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל. וְשָׁאַל אוֹתוֹ מוֹהֲרַנַ"ת אִם הוּא זוֹכֵר מַה שֶּׁהִתְפָּאֵר אֶתְמוֹל בְּעֵת הַשְּׁתִיָּה. וְהֵשִׁיב לוֹ, **גַּם הַיּוֹם אֲנִי אוֹמֵר כֵּן**. וְשָׁמַעְתִּי מֵר' פִּינְחָס יְהוֹשֻׁעַ זַ"ל, שֶׁאָמַר לוֹ פַּעַם אַחַת מוֹהֲרַנַ"ת אָבִיךָ הָיָה צַדִּיק **דַיְין טַאטֶע אִיז גְיֶוֶוען אַ צַדִּיק**".

מען רעדט דאך דא קעגן צדקה (- אזא ארעמאן זאל געבן א רענדל אין א מתן בסתר פושקע?) דער תירוץ איז, א איד וואס ער ווייסט אז עס איז דא א 'נועם העליון', דארף ער דאך האבן צדקה וואס דורך דעם מאכט מען א 'שביל' אין הארץ[ח].

א קליינקייט - ר' פנחס יהושע?! פאר אזא איד איז דאך נישט שייך צו זאגן - 'יא-יא, ניין-ניין'.

ר' פנחס יהושע האט געהאט צוויי זין, נחמן און נתן (בייטלמאכער). נתן איז געווען דא (- בארץ ישראל). אבער ער האט געהאט דארטן א זון - נחמן, פון קרימענטשוק. איך געדענק אים. האט מיר דער נחמן דערציילט, דער טאטע איז דאך געווען אַן ארעמאן, און אז ער האט געדארפט ווערן בר מצוה האט דער טאטע נישט געהאט קיין תפילין. איז דעמאלט נפטר געווארן איינער פון אונזערע לייט אַן ערליכער איד, האט מען גענומען זיינע תפילין (בשכר זה:) אז ר' פנחס יהושע זאל זאגן קדיש. מען האט אים אוועקגעגעבן די תפילין. שוין.

דערנאך איז נפטר געווארן איינער א גביר אין טשעהרין. האט ער געלאזט צוואה - 'ער גיט ר' פנחס יהושע'ן א גאנץ יאר אויף צו לעבן - נאר ער זאל זאגן דעם קדיש'. פרנסה אין שטוב אריין - 'א גאנץ יאר אויף צו לעבן'. האט ער געענטפערט: "איך זאג שוין קדיש!". איז געווארן א געוויינעריי אין שטוב פון די קינדער: "טאטע" - - (אבל הוא באחת:) 'איך זאג שוין קדיש!'.

אזעלכע אידן! פון וועמען רעדן מיר? פון געוואלדיגע פלאמעדיגע אידן! 'שלהובין דרחימותא'! ביי אזא איד קען זיין אז ער זאל אויסגעבן א רענדל פאר צדקה! ביי אים איז נישט שייך (אנדערש)! דער רבי זאגט אז עס ווערט געעפנט א 'שביל' אין הארץ דורך צדקה, און ער האט דאך געהאט אזא ברענונג אין הארץ, 'שלהובין דרחימותא', א 'נועם העליון', [יוסף איז דער 'נועם'], ממילא קען זיין אז ער זאל געבן א רענדל אויף צדקה! מיר קענען דאס גארנישט פארשטיין!

❖

---

[ח] כמו שכתוב רבינו לעיל: וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי צְדָקָה נַעֲשֶׂה הַכְּלִי לְקַבֵּל עַל יָדָהּ מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא, כִּי צְדָקָה הִיא נְדִיבוּת לֵב ... וּנְדִיבוּת לֵב, הַיְנוּ שֶׁנִּפְתָּח וְנִתְנַדֵּב הַלֵּב, וְעַל יְדֵי זֶה נִפְתָּחִין **שְׁבִילִין דְּלִבָּא**, וְנַעֲשִׂין כְּלִי לְקַבֵּל **שַׁלְהוֹבִין דִּרְחִימוּתָא**, שֶׁנִּמְשָׁכִין מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן כַּנַּ"ל

# זיין א ריכטיגער ארץ ישראל'דיגער איד!

**"וַאֲזַי כְּשֶׁשּׁוֹפֵעַ נֹעַם הָעֶלְיוֹן עַל יְדֵי הַכְּלִי, הַנַּעֲשֶׂה עַל יְדֵי צְדָקָה בִּשְׁבִיל הַהוֹלָדָה כַּנַּ"ל, וְגַם בְּחִינַת הַנֹּעַם הָעֶלְיוֹן שֶׁהוּא הַמֹּחִין, מְקַבֵּל וְנִשְׁפָּע עוֹד מִלְמַעְלָה יוֹתֵר, כַּיָּדוּעַ, אֲזַי אֵלּוּ הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ, שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים, הֵם נוֹפְלִים גַּם כֵּן בְּאֵלּוּ הַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם בְּחִינַת נֹעַם, כְּדֵי לְהִתְתַּקֵּן עַל יְדֵי זֶה, כִּי אָז הוּא זְמַן תִּקּוּנָם שֶׁל אֵלּוּ הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ".**

אז דער 'נועם העליון' ווערט אלעמאל מער, גייט דער שפע אלץ מערער און מערער. ווייזט אויס, אז מען איז עוסק אין צדקה, איז מען דאך מקבל פון דעם 'נועם העליון', איז די השפעה אויך מער. ווייל דאס איז אזוי ווי א קוואל; וואס מער מען שעפט פונעם קוואל, ווערט דער קוואל מערער. דער רבי זאגט דאך, דער 'נועם העליון' איז שופע דורך דער כלי פון צדקה. איז דער 'נועם העליון' אליין ווערט אויך נשפע אלעמאל מער; וואס מער מען איז עוסק אין צדקה און מען קען נעמען פונעם 'נועם העליון', ווערט אלץ דער 'נועם העליון' נשפע מערער.

בשעת עס ווערט נשפע דער 'נועם העליון', דעמאלט ווערט דאך א 'התגלות כבודו יתברך', איז דעמאלט דער זמן פון די תיקונים פון די מוחין פון חוץ לארץ[ט].

**"כִּי עִקַּר פְּגַם וְקִלְקוּל הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הוּא עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד, שֶׁעַל יְדֵי זֶה אֵינָם יְכוֹלִים לִינֹק מִמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַאֲזַי הֵם בְּחִינַת מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ מַמָּשׁ, וְזֶהוּ קִלְקוּלָם כַּנַּ"ל".**

---

[ט] וכמו שכתוב רביז"ל בתחילת התורה, וזל"ש: דַּע, כִּי יֵשׁ מֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְיֵשׁ מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ. וְגַם הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הֵם מְקַבְּלִים וְיוֹנְקִים גַּם כֵּן מֵהַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ... אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן יֵשׁ מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ, וְזֶה נַעֲשֶׂה עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד, חַס וְשָׁלוֹם. שֶׁמִּי שֶׁפּוֹגֵם, חַס וְשָׁלוֹם, בִּכְבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲזַי עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין יְכוֹלִין לְקַבֵּל וְלִינֹק מֵהַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּכְפִי הַפְּגָם שֶׁפּוֹגֵם בִּכְבוֹד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ כֵן אֵינוֹ יָכוֹל לְקַבֵּל וְלִינֹק מֵהַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַאֲזַי נִשְׁאָרִין הַמֹּחִין בִּבְחִינַת מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ מַמָּשׁ ... אַךְ דַּע, כִּי אֵלּוּ הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ, שֶׁנַּעֲשׂוּ עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד כַּנַּ"ל, הֵם מְבַקְשִׁים לְעַצְמָן תִּקּוּן. **וְהַתִּקּוּן שֶׁל אֵלּוּ הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הוּא בְּעֵת שֶׁשּׁוֹפֵעַ נֹעַם הָעֶלְיוֹן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הִתְגַּלּוּת הַכָּבוֹד, אָז הוּא זְמַן תִּקּוּנָם שֶׁל אֵלּוּ הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ.**

בשעת עס איז שופע דער נועם העליון ווערט דאך דערפון 'התגלות כבודו יתברך', ווילן זיי דעמאלט האבן א תיקון, ווילן זיי אריינפאלן אין די מוחין פון ארץ ישראל.

"וְזֶה בְּחִינַת (משלי י"ג): 'בָּז לְדָבָר יֵחָבֶל לוֹ'".

פון יעדער זאך דארף ארויסקומען א כבוד פארן אויבערשטן, "כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד"; אז איך זעה עפעס א זאך וואס די זאך איז דאך פון א מאמר, דארף זיין פון דער זאך א כבוד פארן אויבערשטן. אבער אויב עס איז "בז לדבר", עס ווערט א בזיון צו דער זאך, עס ווערט נישט קיין כבוד פון דער זאך, איז "יחבל לו", ווערט 'חובלים'. אבער אויב פון דער זאך גייט ארויס א כבוד פארן אויבערשטן, איז עס 'נועם'.

"'בָּז לְדָבָר', הַיְנוּ בִּזְיוֹנוֹת, הֵפֶךְ הַכָּבוֹד, עַל יְדֵי זֶה: 'יֵחָבֶל לוֹ', הַיְנוּ מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים. כִּי עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד נִשְׁאָרִין הַמֹּחִין בִּבְחִינַת חוֹבְלִים, שֶׁהֵם מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ כַּנַּ"ל. נִמְצָא שֶׁעִקַּר קִלְקוּל הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ הוּא עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד".

אז מען איז פוגם אין דעם אויבערשטנ'ס כבוד, קען מען נישט האבן קיין יניקה פון דעם 'נועם', ווערט ביי אים 'חובלים'.

אין ארץ ישראל איז שופע דער 'נועם העליון', פון דעם נעמט זיך דאס 'נעימות', דערפאר איז דא 'מנעימים זה לזה בהלכה'. און אלע דארפן האבן א יניקה פון דער 'נעימות', פון דער שפע וואס גייט פון ארץ ישראל. אפילו בפשיטות, אויף רעגן, זאגט אויך די גמרא אין תענית[י], "ארץ ישראל שותה תחילה".

אז מען איז מרבה 'כבודו יתברך', איז מען מער יונק פון דער נעימות, סיי אז מען איז אין ארץ ישראל און סיי אז מען איז אין חוץ לארץ, מען איז יונק פון דעם ארט. אבער אויב איז 'בז לדבר', עס איז דא 'היפך הכבוד', איז 'יחבל לו', ווערט 'חובלים', עס ווערט מוחין פון חוץ לארץ.

---

[י] דף י.

(השואל: וואס איז שייך אז די תלמידי חכמים שבחוץ לארץ זענען 'חובלים זה לזה בהלכה'?) די גמרא זאגט דאך אזוי, ביי די תלמידי חכמים שבבבל איז דא אַן ענין פון חובלים. מיר פארשטייען דאס נישט, די הלכה איז דאך אזוי ווי דעם תלמוד בבלי און נישט אזוי ווי דעם ירושלמי - דאס קען מען נישט פארשטיין, אזוי איז עס, אזוי שטייט. עס איז דאך א מאמר חז"ל, די "תלמידי חכמים שבבבל", דאס מיינט מען, די אמוראים און די אלע גדולים און אלע צדיקים, איז חובלים. עס שטייט: "לאחד קראתי נועם ולאחד קראתי חובלים". מען זעהט דאך ארויס, וואו עס שטייט[יא]: "אֱלֹקִים לֹא תְקַלֵּל", מיינט מען א 'דיין שבארץ ישראל' - זיי ווערן אנגערופן מיט דעם לשון "אלקים"[יב]. זעהט מען דאך אז די דיינים פון ארץ ישראל האבן עפעס א נאמען; א דיין פון חוץ לארץ הייסט נישט 'אלקים'.

מיר זענען שוין אזוי (מורגל) אין ארץ ישראל אז מיר זענען גארנישט מרגיש וואס איז ארץ ישראל, מען דרייט זיך ארום און שוין. אויף דער מציבה פון ר' אברהם ר' נחמן'ס שטייט: "פה נטמן ר' אברהם ב"ר נחמן הלוי מארץ ישראל" - 'ער' איז געווען אַן ארץ ישראל'דיגער איד! 'ער' איז געווען אַן ארץ ישראל'דיגער איד! 'בדרכי נועם', ער האט געהאט 'שלהובין דרחימותא', 'נועם', אלץ געווען מיט נעימות!

## סגולה מרביז"ל לחולי הקדחת

ר' אפרים ר' נפתלי'ס פלעגט דאך אלע יארן פארן קיין אומאן אויף ראש השנה פון ארץ ישראל, און אז ער איז געפארן מיטן ים, פלעגט ער באקומען דעם (יַם) פיבער. [אז ער איז געווען דא א שטיקל צייט, איז שוין איבערגעגאנגען דער פיבער]. איז דא אזא סגולה פונעם רבי'ן: מען זאל אויפקאכן ווייַן און אריינטוהן "פּאָלין". "פּאָלין" - דאס איז אזא מין זייער ביטערע גראז. און אז מען טרינקט אוים דערפון (עטליכע) גלעזער, נעמט מען זיך גלייך איבער (- חוזר לכוחותיו).

---

[יא] שמות כב, כז

[יב] עיין רש"י גיטין דף פח ע"ב, ד"ה "הדיוטות אנן".

אז ר׳ אפרים פלעגט קומען קיין ברסלב, איז ער געוועזן דארטן ביי די קראסינשטיינ׳ס - פון די גבירים. איז געוועזן דארטן א סאמאוואר (- קעסל), און א גוטן וויין, האט מען אויפגעקאכט און אריינגעטוהן די פאלין, האט ער געטרונקען עטליכע גלעזער און עס איז אים איבערגעאנגען גלייך. דאס איז א סגולה פונעם רבי׳ן.

(ר׳ משה בינענשטאק: דאס איז א סגולה סתם פאר פיבער?) פיבער דאס איז קדחת - עס ווארפט זיך אים. איז דא א סגולה פונעם רבי׳ן, מען זאל אויפקאכן וויין און אריינטוהן פאלין. האט ער אזוי געטוהן.

❖

״וְעַל כֵּן בְּעֵת שֶׁשּׁוֹפֵעַ נֹעַם הָעֶלְיוֹן עַל יְדֵי הַכְּלִי שֶׁל צְדָקָה בִּשְׁבִיל הוֹלָדָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הִתְגַּלּוּת הַכָּבוֹד כַּנַּ״ל, אָז הוּא זְמַן תִּקּוּנָם שֶׁל הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ, כִּי מֵאַחַר שֶׁנִּתְעוֹרֵר בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הַכָּבוֹד, עַל יְדֵי זֶה הֵם יְכוֹלִין לְהִתְתַּקֵּן, כִּי עִקַּר הַקִּלְקוּל שֶׁלָּהֶם הָיָה עַל יְדֵי פְּגַם הַכָּבוֹד כַּנַּ״ל״.

אַה, דער עיקר פון וואס די מוחין ווערן קאליע, איז נאר אז מען איז פוגם אין דעם אויבערשטנ׳ס כבוד.

״וְעַל כֵּן בְּעֵת שֶׁשּׁוֹפֵעַ נֹעַם הָעֶלְיוֹן בִּשְׁבִיל הוֹלָדָה כַּנַּ״ל, אָז בָּאִים הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים, וְנוֹפְלִים בְּמֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם בְּחִינַת נֹעַם, כְּדֵי לְהִתְתַּקֵּן עַל יְדֵי זֶה כַּנַּ״ל״. ״וְזֶה (תהלים טז): ׳חֲבָלִים נָפְלוּ לִי בַּנְּעִימִים׳״.

אין דעם ערשטן קאפיטל פון די צען קאפיטלעך תהלים (- של ה׳תיקון הכללי׳), שטייט דער פסוק. ווארום די ׳עשרה מיני נגינה׳ דאס איז דאך א נעימות - אז מען הויבט אָן זאגן ׳די׳ צען קאפיטלעך תהלים איז דאך דאס אַן ענין פון ׳נעימות׳ פון דעם ׳נועם העליון׳, ממילא פאלן אריין די ׳חובלים׳, זיי ווילן האבן א תיקון[יג].

---

[יג] עיין ליקוטי הלכות הל׳ ברכת הפירות ה״ד, אות י״ג: וְזֶה בְּחִינַת **חֲבָלִים נָפְלוּ לִי בַּנְּעִמִים** וּפָסוּק נְעִמוֹת בִּימִינְךָ נֶצַח. שֶׁאוֹמְרִים בְּמִזְמוֹר מִכְתָּם לְדָוִד. **שֶׁהוּא הַמִּזְמוֹר הָרִאשׁוֹן מֵהַיּוּד מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים**

**"'חֲבָלִים', הַיְנוּ הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים, הֵם נוֹפְלִים בַּנְּעִימִים, הַיְנוּ בְּמֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם בְּחִינַת נֹעַם כַּנַּ"ל, כְּדֵי לְהִתְתַּקֵּן עַל יְדֵי זֶה כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: 'אַף נַחֲלַת שָׁפְרָה עָלָי'. 'נַחֲלַת' זֶה בְּחִינַת יַעֲקֹב, בְּחִינַת** (דברים לב): **"יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ", בְּחִינַת צְדָקָה. שָׁפְרָה זֶה בְּחִינַת יוֹסֵף, בְּחִינַת** (בראשית לט): **"וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה תֹאַר" וְכוּ'. וִיפֵה תֹאַר זֶה בְּחִינַת יְפֵה תֹאַר הַנֶּאֱמַר בְּדָוִד. וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (סנהדרין צג:): **'אִישׁ תֹּאַר, שֶׁמַּרְאֶה פָּנִים בַּהֲלָכָה', הַיְנוּ בְּחִינַת מֹחִין, בְּחִינַת נֹעַם, שֶׁמַּנְעִימִים בַּהֲלָכָה כַּנַּ"ל".**

דער "יפה תואר" וואס שטייט ביי יוסף'ן, דאס איז דער "יפה תואר" וואס עס שטייט ביי דוד'ן. ווייל פון וואנעט איז די ראיה אז דער 'יפה תואר' פון יוסף מיינט מען 'נעימות', 'נועם העליון'? ווייל דער 'יפה תואר' וואס שטייט ביי דוד'ן, דרש'נען חז"ל, "איש תואר"[יד] - 'שמראה פנים בהלכה', דאס מיינט, מיט א פרייליכקייט, מיט א סבר פנים. איז דער 'יפה תואר' ביי דוד'ן מיינט - דער 'נועם', איז אזוי אויך ביי יוסף'ן מיינט דאס דער 'נועם'.

"אף נחלת שפרה עלי". 'נחלת' מיינט מען 'צדקה', דאס איז 'יעקב'. און 'שפרה' דאס איז דער 'נועם העליון'. ממילא, אז די חבלים פאלן אריין אין די נעימים, זיי ווילן האבן א תיקון, איז דאס דורך "נחלת שפרה עלי" - דורך צדקה - יעקב, און יוסף - נעימות.

**"וְעַל יְדֵי שְׁתֵּי בְּחִינוֹת אֵלּוּ, יַעֲקֹב וְיוֹסֵף, שֶׁהֵם בְּחִינַת 'נַחֲלַת שָׁפְרָה', עַל יְדֵי זֶה נַעֲשָׂה הַהוֹלָדָה, שֶׁאָז הַחוֹבְלִים נוֹפְלִים בַּנְּעִימִים כַּנַּ"ל".**

בשעת די הולדה ווערט דאך א 'התגלות כבודו יתברך', ווילן זיי דאך האבן א תיקון, פאלן אריין די חובלים אין די נעימים.

---

**שֶׁתִּקֵּן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה** כִּי עִקַּר תִּקּוּן הַבְּרִית שֶׁהוּא עִקַּר תִּקּוּן כָּל הַחֲטָאִים שֶׁהוּא עַל יְדֵי הַשְׁפָּעַת הַנֹּעַם הָעֶלְיוֹן שֶׁהוּא מֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהוּא עִקַּר הַקְּדֻשָּׁה קְדֻשַּׁת הַדַּעַת, כִּי עַל יְדֵי הַשְׁפָּעַת הַנֹּעַם הָעֶלְיוֹן מְשַׁבְּרִין אַהֲבַת נָשִׁים כַּנַּ"ל. וְזוֹכִין לִקְדֻשַּׁת הַדַּעַת שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהוּא כְּלַל כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת כַּנַּ"ל.

[יד] שמואל-א טז, יח.

"וְזֶה 'יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ'. חֶבֶל זֶה בְּחִינַת חוֹבְלִים הַנַּ"ל, שֶׁנִּתְתַּקְּנִים עַל יְדֵי בְּחִינַת יַעֲקֹב, בְּחִינַת צְדָקָה, שֶׁעַל יָדָהּ הַהוֹלָדָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִתְתַּקְּנִים הַחוֹבְלִים, שֶׁהֵם הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת חֶבְלֵי לֵדָה, בְּחִינַת חוֹבְלִים הַנַּ"ל, שֶׁנִּתְתַּקְּנִים עַל יְדֵי הַלֵּדָה כַּנַּ"ל".

די חובלים זענען דאך 'פגם הכבוד', און די לידה איז דאך 'התגלות כבודו יתברך', איז דורך די לידה ווערן פארראכטן די חובלים.

❖

## "איר דארפט זיך זייער יאגן"...

"גַּם זֶהוּ בְּחִינַת שָׁפְרָה הַנַּ"ל, בְּחִינַת 'שָׁפִיר וְשִׁלְיָא', בְּחִינַת הוֹלָדָה וְכַנַּ"ל".

ביי דוד המלך שטייט דאך: "איש תואר" - 'שמראה פנים בהלכה'. און עס שטייט[טו]: "ואני ידי מלוכלכות בדם ובשפיר ובשליא" - דאס האט אויך דוד המלך געזאגט. דוד איז דאך דער 'מראה פנים בהלכה' - דאס איז דער 'נועם העליון'. און דורך אים, זאגט די גמרא, איז געווארן טאקע, "ואני ידי מלוכלכות בדם ובשפיר ובשליא כדי לטהר אישה לבעלה", דאס איז די הולדה. קומט אויס, די 'שפיר ושליא' וואס שטייט ביי דוד המלך'ן, דאס איז גאר איין זאך מיט דעם 'איש תואר'.

(אחד הנוכחים: פון דא ווייזט אויס, אז אזוי ווי די הולדה קען נישט זיין אָן קיין חבלי לידה, אזוי אויך קען נישט זיין קיין נעימות אָן קיין חובלים!) ווען עס ווערט עפעס א התגלות; למשל, אז מען זעהט אַן איש צדיק דאוונט מיט א נעימות צום אויבערשטן, איז וואס דער מענטש האט נאר עפעס א מין פגם אין מח, קומט ער און ער קען פארראכטן ווערן; אז דער נועם שיינט, דאס איז א שיין פון 'התגלות כבודו יתברך', פאלן דעמאלט אריין די אלע מוחין פגומים[טז].

---

[טו] ברכות ד.

[טז] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ד, אות ז': **וְזֶה בְּחִינַת כָּל הַהִתְגָּרוּת וְהַהִתְגַּבְּרוּת שֶׁמִּתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר בְּכָל פַּעַם יוֹתֵר עַל כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לִכְנֹס לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ וְכָל מַה שֶּׁמִּתְעוֹרֵר הָאָדָם יוֹתֵר**

דער רבי טייטשט א טייטש: "חבלים נפלו לי בנעימים" - די חובלים פאלן אריין אין די נעימים. וואס איז טאקע 'נעימים'? דוד המלך'ס צען קאפיטלעך תהלים, דאס איז די 'עשרה מיני נגינה', ער איז טאקע דער 'נעים זמירות ישראל'. דער רבי ברענגט טאקע ווייטער צום סוף דעם פסוק. אט דאס איז 'נעימות', אז מען זאגט טאקע די צען קאפיטלעך תהלים, פאלן אריין די חובלים פון פגם הברית, פאלן זיי אריין אין די נעימים, זיי ווילן האבן א תיקון.

(אחד הנוכחים: רבי נתן רעדט אין א הלכה, אז מען וויל פארן קיין ארץ ישראל, מען וויל ממשיך זיין דעם נועם, הויבט זיך אָן מחלוקת אויף אים, די חובלים, מחלוקת מיט מניעות!) **יא יא"[יז]; 'ווען' א מענטש איז נאר זוכה צו עפעס א זאך, הייסט דאס 'תיקון המוחין', 'התגלות כבודו**

---

**לִכְנֹס לַעֲבוֹדַת ה' יִתְבָּרַךְ מִתְעוֹרֵר כְּנֶגְדּוֹ הַבַּעַל דָּבָר בְּיוֹתֵר** כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ (סֻכָּה נב). כִּי עִקַּר כָּל הַקְּדֻשָּׁה שֶׁל אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי נִמְשָׁךְ מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִבְּחִינַת נֹעַם הָעֶלְיוֹן שֶׁהִיא כְּלַל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם. וְעַל כֵּן כָּל מַה שֶּׁהָאָדָם רוֹצֶה לִכְנֹס אֶל הַקְּדֻשָּׁה יוֹתֵר שֶׁאָז נִמְשָׁךְ עָלָיו קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קְדֻשַּׁת הַנֹּעַם הָעֶלְיוֹן בְּיוֹתֵר, כְּמוֹ כֵן בָּאִים בְּחִינַת הַחוֹבְלִים לְהִתְתַּקֵּן כַּנַּ"ל. וַאֲזַי כְּמוֹ כֵן מִתְעוֹרֵר הָרַע שֶׁבַּחוֹבְלִים וּמִתְגַּבְּרִים כְּנֶגְדּוֹ לְמָנְעוֹ, כִּי כָּל הַחֲטָאִים וְהַסִּטְרָא אָחֳרָא אֲחִיזָתָם מֵהַחוֹבְלִים שֶׁהֵם בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר הַיֵּצֶר הָרָע, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּמָקוֹם אַחֵר. שֶׁיֵּצֶר הָרָע הוּא בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת. וְעַל כֵּן נִקְרָאִים הַחֲטָאִים בְּשֵׁם חֲבָלָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בִּנְחֶמְיָה א), חֲבֹל חָבַלְנוּ לָךְ. כִּי כֻּלָּם נִמְשָׁכִין מִבְּחִינַת הַחוֹבְלִים כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ כְּדֵי לְהַכְנִיעַ הָרַע שֶׁבַּחוֹבְלִים בְּכָל פַּעַם וּלְתַקֵּן הַטּוֹב שֶׁבָּהֶם לַהֲפֹךְ הַחוֹבְלִים לִבְחִינַת נֹעַם שֶׁיִּהְיוּ כָּל הַמֹּחִין בִּבְחִינַת מֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁשָּׁם עִקַּר הַמֹּחַ וְהַחָכְמָה וְכַנַּ"ל.

[יז] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ד, אות ד', וזל"ש: **וְזֶה בְּחִינַת גֹּדֶל הַיִּסּוּרִים שֶׁצְּרִיכִין לִסְבֹּל קֹדֶם שֶׁבָּאִין לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְעֹצֶם רִבּוּי הַמְנִיעוֹת בְּלִי שִׁעוּר שֶׁצְּרִיכִין לְשַׁבֵּר קֹדֶם שֶׁבָּאִין לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל**, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרָכוֹת ה) שֶׁאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא אֶחָד מֵהַדְּבָרִים שֶׁבָּאִין עַל יְדֵי יִסּוּרִים. וְעִקַּר הַיִּסּוּרִים הֵם הַמּוֹנְעִים מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַחוֹבְלִים הַנִּזְכָּרִים לְעֵיל שֶׁהֵם לְשׁוֹן חֲבָלָה וְיִסּוּרִים, דְּהַיְנוּ מְנִיעוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, כִּי כָּל הַמְנִיעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם הֵם בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, כִּי הָאָדָם רוֹצֶה [כָּל] כָּךְ לִנְסֹעַ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְהַמְנִיעוֹת עוֹמְדִים כְּנֶגְדּוֹ וְחוֹלְקִים עָלָיו וְרוֹצִים לְמָנְעוֹ חַס וְשָׁלוֹם, וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַחוֹבְלִים שֶׁהֵם הַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהֵם בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, הַיְנוּ מֵחֲמַת שֶׁהַחוֹבְלִים רוֹצִים לְהִתְתַּקֵּן עַל יְדֵי הַנֹּעַם, עַל כֵּן תֵּכֶף כְּשֶׁהָאָדָם נִתְעוֹרֵר לֵילֵךְ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁאֲזַי כְּפִי הִתְעוֹרְרוּתוֹ וּתְשׁוּקָתוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל נִמְשָׁךְ עָלָיו הֶאָרָה מִבְּחִינַת הַנֹּעַם הָעֶלְיוֹן שֶׁהֵם הַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. וַאֲזַי תֵּכֶף בָּאִים הַחוֹבְלִים וְנוֹפְלִים בַּנְּעִימִים כְּדֵי לְהִתְתַּקֵּן כַּנַּ"ל. וּמֵחֲמַת שֶׁהַחוֹבְלִים הֵם מֹחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת, נֶאֱחָז בָּהֶם הַזֻּהֲמָא שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהִיא אֶרֶץ הָעַמִּים. עַל כֵּן מִתְגַּבֵּר הָרַע שֶׁבָּהֶם וּמְבַלְבְּלִין מֹחַ הָאָדָם וְגוֹרְמִים לוֹ מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וְצָרִיךְ יְגִיעָה לְשַׁבְּרָם, וכו' עיין עוד שם דבריו המתוקים והנפלאים.

יתברך', איז די מוחין פון פריער וואס זענען פגום געווען, ווילן איצטער פאררעכטן ווערן[יח].

(רבינו אמר[יט]:) **"איר דארפט זיך זייער יאגן איר זאלט נאך קענען עפעס כאפן!".**

מען דארף אסאך טוהן אין גוטע זאכן כדי עס זאל פאררעכטן ווערן די מוחין פגומים. אויב עס איז א גוטע מינוט, פאלן זיי דאך אריין, ווילן זיי דאך ווערן פאררעכטן; דארף מען אסאך טוהן מצוות און מעשים טובים און צדקות אז עס זאל אריינפאלן און זיי זאלן קענען האבן א תיקון און פאררעכטן ווערן.

(אחד הנוכחים: דאס הייסט, מען זאל אומקערן די טעג "הימים שעברו בחושך להחזירם אל הקדושה"[כ]) **יא יא; א מענטש פארגעסט אינגאנצן פון פריער. דער תולדות טייטשט פון דעם בעל שם הקדוש[כא]: "הפכה קערה על פיה"; אז איינער קומט אויף דער עלטער קען ער שוין נישט אזוי עסן, ער קען שוין נישט אזוי שלאפן, ממילא פארגעסט ער די יוגנט, נעמט דער אויבערשטער און קערט איבער דער 'קערה על פיה', ווערט דאס פריערדיגע פון אויבן.**

---

[יח] עיין ליקוטי הלכות הל' ברכת הפירות ה"ד, אות י"ב: **וְזֹאת הַבְּחִינָה הִיא בְּכָל אָדָם וּבְכָל זְמַן** ... כִּי כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת הֵם מִן הַמֹּחִין הַקְּדוֹשִׁים שֶׁהֵם עִקַּר הָאָדָם כִּי עִקַּר הָאָדָם הוּא הַדַּעַת וְהַמֹּחַ שֶׁהוּא הַנְּשָׁמָה וְהַחִיּוּת שֶׁל הָאָדָם. וְעִקַּר הַמֹּחִין הֵם הַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם בְּחִינַת נֹעַם כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁנִּתְעוֹרֵר לְהָאָדָם אֵיזֶה חֵשֶׁק דִּקְדֻשָּׁה לַה' יִתְבָּרַךְ וְלַעֲבוֹדָתוֹ. זֶה נִמְשָׁךְ מֵהַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל מִבְּחִינַת נֹעַם הָעֶלְיוֹן שֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו אֵיזֶה הֶאָרָה וְהַשְׁפָּעָה מִשָּׁם. אַךְ תֵּכֶף כְּשֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו אֵיזֶה הֶאָרָה וְהַשְׁפָּעָה מִשָּׁם. אַךְ תֵּכֶף כְּשֶׁנִּמְשָׁךְ עָלָיו הַשְׁפָּעַת הַנֹּעַם. נִתְעוֹרְרוּ תֵּכֶף הַחוֹבְלִים וְכוּ' כַּנַּ"ל. וּכְשֶׁאֵינוֹ זוֹכֶה לְתַקְּנָם. אֲזַי הֵם פּוֹגְמִים אֶת בְּחִינַת הַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּמְשְׁכוּ עָלָיו וְעַל יְדֵי זֶה הוּא שׁוֹכֵחַ הַכֹּל כְּאִלּוּ לֹא הָיָה לוֹ תְּשׁוּקָה כְּלָל.

[יט] ליקוטי מוהר"ן סוף סי' מ"ט.

[כ] לשון מתוך התפילה (מעט הכמות ורב האיכות) שחיבר רביז"ל הנדפס אחר תיקון הכללי.

[כא] עיין תולדות יעקב יוסף פר' ויגש, אות ה': וז"ש ר"ש בן עקשיא, זקני ע"ה כל זמן שמזקינין דעתן מוטרפת עליהן, אבל זקני תורה וכו' (קנים שם). פי' זקני תורה שהניחו בבחרותם תאוות העה"ז, ובחרו דרך הטובה, כשמזקינין דעתן מתיישבות יותר בזה, כי אין להם אז נגדיית וכו'. וזקני ע"ה, בהיפך בבחרותם בחרו תאוות עולם הזה, ואינן חוששין לנגדיית השכל, **מה שאין כן בזקנותן חלש כח התאווה, והשכל מושך לכאן, והדמיון לכאן, ודעתו מיטרפת כמו ספינה המטורפת בים** וגו'.

אז עס קומט א צייט פון נעימות, פאלן די חובלים אריין אין דער 'נעימות', ווערן זיי פאררעכטן. אז מען קערט איבער דער 'קערה על פיה', דעקט זיך אויף דאס ערשטע (- החובלים, ובאים להתתקן).

טאקע ביי דער 'שמחת בית השואבה' וואס דעמאלט איז דאך געווען א געוואלדיגע נעימות און אזא שמחה, שטייט דארט[כב]: די צדיקים האבן געזאגט: "אשרי ילדותינו שלא ביישו את זקנותינו" - דאס איז די צדיקים. אבער די בעלי תשובה האבן געזאגט: "אשרי זקנותינו שכפרו את ילדותינו" - וואויל איז אונזער 'זקנה שכפרו את ילדותינו' - דאס איז שוין חובלים מיט נעימים. 'וואויל איז אונז אז אויף דער עלטער האבן מיר כאטש א גוטע נעימות אז די חובלים זאלן פאררעכטן ווערן'.

❖

## "וואו א הרהור תשובה - נעמט זיך דאס פון מיר!"

"וּמֵחֲמַת שֶׁהַמֹּחִין שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ שֶׁהֵם בְּחִינַת חוֹבְלִים, שֶׁחוֹבְלִים זֶה לָזֶה בַּהֲלָכָה, כִּי אֵינָם יְכוֹלִים לְהַשְׁווֹת דַּעְתָּן יַחַד כַּנַּ"ל, הֵם נוֹפְלִים בְּמֹחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהֵם בְּחִינַת נֹעַם, כְּדֵי לְהִתְתַּקֵּן כַּנַּ"ל. עַל כֵּן לִפְעָמִים כְּשֶׁפְּגוּמִים הַרְבֵּה, חַס וְשָׁלוֹם, אֲזַי אֵינָם יְכוֹלִין לְהִתְתַּקֵּן, אַדְּרַבָּא, גּוֹרְמִים פְּגָם גַּם לְהַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַאֲזַי גַּם הַמֹּחִין שֶׁל אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אֵינָם יְכוֹלִים לְהַשְׁווֹת עַצְמָן, כִּי נִפְגְּמוּ, חַס וְשָׁלוֹם, עַל יְדֵי הַמֹּחִין הַפְּגוּמִים שֶׁל חוּץ לָאָרֶץ, שֶׁנָּפְלוּ לְתוֹכָם כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁיֵּשׁ בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גַּם כֵּן".

צומאל דערלאנגען די מוחין (פגומים) פון חוץ לארץ צו ארץ ישראל אויך. ארץ ישראל קען פאררעכטן חוץ לארץ אז אלץ זאל האבן א יניקה פון ארץ ישראל - דאס נעימות פון ארץ ישראל קען אלעמען פאררעכטן. אבער אמאל מאכט זיך אזעלכע פגמים, אז זיי מאכן גאר קאליע די מוחין פון ארץ ישראל אויך.

---

[כב] סוכה דף נג.

דער רבי האט געזאגט[כג]: "אזעלכע מענטשן ווערן צו מיר מקורב וואס דער שאול תחתית איז פאר זיי קארג!". זיי ווילן אריינפאלן אין דעם 'נועם העליון', זיי ווילן האבן א תיקון; די מוחין פגומים ווייסן וואו עס איז דא די השפעה פון דעם 'נועם העליון', ווילן זיי אריינפאלן און האבן א תיקון.

דער רבי האט געזאגט: "וואו עס איז דא א הרהור תשובה נעמט זיך דאס פון מיר!". 'עס נעמט זיך פון מיר'; ווייל ער איז דער 'נועם העליון', דער "איש תואר" - 'שמראה פנים בהלכה'. דעם רבי'נס ספר איז פול מיט נעימות! די ליקוטי הלכות איז פול מיט נעימות! ער איז 'מראה פנים בהלכה', ער איז יענעם מחזק! די בריוון - די מכתבים זענען אויך 'מראה פנים בהלכה', עס איז אלץ א נעימות! ממילא פאלן טאקע אריין די חובלים און ווילן פארראכטן ווערן.

"וּכְלַל הַדְּבָרִים כִּי כָּל הַנִּבְרָאִים וְכָל הַהוֹלָדוֹת, כֻּלָּם הֵם רַק בִּשְׁבִיל הִתְגַּלּוּת כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ".

אה, א גוטער כלל: אלעס איז נאר 'בשביל התגלות כבודו יתברך'!

"וְעִקַּר הַהוֹלָדָה עַל יְדֵי הַצְּדָקָה, שֶׁעַל יָדָהּ נַעֲשֶׂה כְּלִי לְקַבֵּל מִנֹּעַם הָעֶלְיוֹן, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה הַהוֹלָדָה, וְעַל יְדֵי זֶה נִתְגַּלֶּה וְנִתְגַּדֵּל כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל.

❖

"וְזֶה אוֹתִיּוֹת תְּרוּמָה הֵם סוֹפֵי תֵּבוֹת: לַחֲזוֹ'ת בְּנֹעַ'ם ה' וּלְבַקֵּ'ר בְּהֵיכָל'וֹ (תהלים כז). כִּי תְּרוּמָה, הַיְנוּ צְדָקָה שֶׁהִיא נְדִיבוּת לֵב, בְּחִינַת: 'מֵאֵת כָּל אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ אֶת תְּרוּמָתִי', עַל יָדָהּ נַעֲשֶׂה כְּלִי לְקַבֵּל מִנֹּעַם ה', שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִמְשָׁךְ הִתְגַּלּוּת כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁהוּא בְּחִינַת: 'וּבְהֵיכָלוֹ כֻּלּוֹ אֹמֵר כָּבוֹד'. וְזֶהוּ: 'לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה' וּלְבַקֵּר בְּהֵיכָלוֹ' סוֹפֵי תֵּבוֹת: תְּרוּמָה כַּנַּ"ל".

ווייזן ווייזט אויס, אין די תרומה אליין ליגט אויך א נועם ה', א 'נדיבת לבו', צדקה.

[כג] חיי מוהר"ן אות ש"י.

"וְזֶה בְּחִינַת הַשִּׁירָה, בְּחִינַת (שמואל-ב כג): 'נְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל' (וְלֹא גִּלָּה יוֹתֵר)".

"בחינת: 'נעים זמירות ישראל'". 'נעים' איז דאך טייטש - א זיסקייט, 'זמירות ישראל' - דאס איז נגינה, אט דאס איז דער 'נועם'. טאקע די צען קאפיטלעך תהלים, די עשרה מיני נגינה, דאס איז טאקע די נעימות, דאס איז דער 'נעים זמירות ישראל', דאס נעימות פון דוד המלך'ן. דערפאר טאקע, אז מען זאגט די צען קאפיטלעך תהלים, ווערט אַן ענין פון נעימות, פון 'נועם', פאלן אריין די 'חובלים', זיי ווילן האבן א תיקון צו פאררעכטן דעם פגם הברית וואס דאס זענען דאך די חובלים, און די צען קאפיטלעך תהלים דאס איז 'נעימות', דאס פאררעכט.

"אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לְהַרְגִּישׁ נְעִימוּת הַתּוֹרָה. כִּי יֵשׁ נְעִימוּת בַּתּוֹרָה, וְזֶהוּ הָעִקָּר, לִזְכּוֹת לְהַרְגִּישׁ הַנְּעִימוּת שֶׁיֵּשׁ בְּהַתּוֹרָה. ("דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם וְכָל נְתִיבֹתֶיהָ שָׁלוֹם" (משלי ג) נִרְאֶה לִי)".

'שלום' איז דער היפך פון חובלים, דאס איז 'נועם', דאס איז ארץ ישראל - 'נועם' און 'שלום'. די גאנצע וועלט דארף מקבל זיין פון ארץ ישראל. און דער עיקר 'נועם' איז טאקע, יוסף, דער צדיק.

"וזה בחינת השירה"; דא ליגט (מרומז) 'שבת שירה'. די תורה איז דאך געזאגט געווארן 'שבת שירה'[כד].

(השואל: ניגון איז נעימות?) אוודאי, דער רבי רעדט דאך פריער פון דוד המלך'ן, פון "איש תואר" - 'שמראה פנים בהלכה', און דער רבי רעדט פון שירה - "נעים זמירות ישראל", דאס איז טאקע דער 'נעים' - די זיסקייט פון 'זמירות ישראל', דאס איז די "שירה" (שירת הים).

עס שטייט[כה]: "וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל" - 'שהוקם עולה של תשובה'[כו], "וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל". די שירה איז דאך דער 'נועם' - 'נעים זמירות ישראל'. אזוי אויך

---

[כד] חיי מוהר"ן אות נ"ט.

[כה] שמואל-ב כג, א.

[כו] מועד קטן טז:

'תהלים' איז 'נעים זמירות ישראל'; די צען קאפיטלעך תהלים דאס איז די 'עשרה מיני נגינה', דאס איז דער 'נועם', פאלן טאקע אריין די חובלים.

❖ ❖ ❖

## "דערווייל זאג איך תורה!"

[שיעור בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ע"ב]

**"דַּע, שֶׁלִּרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת הוּא גַּם כֵּן דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד".**

- דאס איז אויך זייער א גרויסע זאך.

**"בְּוַדַּאי כְּשֶׁזּוֹכִין לִשְׁמֹעַ מִפִּיו תּוֹרָה, הוּא מַעֲלָה יְתֵרָה, אֲבָל גַּם כְּשֶׁאֵין שׁוֹמְעִין תּוֹרָה, הָרְאִיָּה לְבַד, שֶׁזּוֹכִין לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק"** - וואס מען איז זוכה זיך זעהן מיטן צדיק **"הוּא גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד.**

- דער רבי זאגט: זיך זעהן מיטן צדיק האמת אליין איז אויך א גרויסע זאך - אפילו נישט הערן קיין תורה!

(רבינו אמר אז:) **"נו, דערווייל זאג איך דאך תורה!".**

(ר' משה: מען ווייסט ווער עס איז געווען?) מען זאגט אזוי, ר' מאטעלע (טשערנאבלער) איז דעמאלט געקומען צום רבי'ן אויף א שבת אין ברסלב, תק"ע. [יתרו תק"ע איז דער רבי נאך געווען אין ברסלב - דער רבי איז דאך ערשט ארוים נאך פסח[כז]].

(אומר הלשון בחיי מוהר"ן[כח]:) "התורה חיים נצחיים שבסימן ע"ב בליקוטי תניינא נאמרה בעת שבא אצלו על שבת קודש פרשת יתרו צדיק אחד מפורסם גדול,

---

[כז] חיי מוהר"ן קפ"ה.

[כח] וזל"ש אות מ"ח: הַתּוֹרָה חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁבְּסִימָן ע"ב בְּלִקּוּטֵי תִנְיָנָא נֶאֶמְרָה **בְּעֵת שֶׁבָּא אֶצְלוֹ עַל שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת יִתְרוֹ צַדִּיק אֶחָד מְפֻרְסָם גָּדוֹל**, וְהוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא אָמַר שׁוּם תּוֹרָה בְּלֵיל שַׁבַּת קֹדֶשׁ וְלֹא בְּיוֹם שַׁבַּת קֹדֶשׁ. וּכְשֶׁגָּמַרְנוּ סְעֻדַּת שַׁחֲרִית שֶׁל שַׁבָּת וּכְבָר בֵּרַכְנוּ בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, וְהָיִינוּ סְבוּרִים לְהִסְתַּלֵּק מֵהַשֻּׁלְחָן כַּנָּהוּג אַחַר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, אֲבָל הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה נִשְׁאַר אָז יוֹשֵׁב עַל מְקוֹמוֹ וְגַם אֲנַחְנוּ כֻּלָּנוּ נִשְׁאַרְנוּ אָז יוֹשְׁבִים לְפָנָיו, וְגַם הַצַּדִּיק הַנַּ"ל נִשְׁאַר עֲדַיִן יוֹשֵׁב לְפָנָיו. בְּתוֹךְ כָּךְ

ורבינו ז"ל לא אמר שום תורה" - ער האט נישט געזאגט קיין שום תורה, נישט פרייטאג צונאכטס, נישט שבת אינדערפרי. נאך סעודת שחרית "וכבר בירך ברכת המזון", איז דער רבי געבליבן נאך זיצן ביים טיש, און דער צדיק איז אויך געבליבן. בתוך כך רופט זיך דער רבי אָן: "אז מען זעהט זיך מיטן צדיק - אפילו מען הערט נישט קיין תורה מפיו, איז אויך זייער גוט, ווייל דורך דעם איז מען מקבל גדולה!". (בתוך דבריו כשנכנס באמירת התורה הנ"ל ענה ואמר:) "נו, דערווייל זאג איך דאך תורה!".

(ר' משה: זאגט מען אז עס איז געווען ר' מאטעלע?) מען זאגט אזוי, מען ווייסט נישט זיכער.

**כִּי עַל יְדֵי שֶׁרוֹאִין אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק, עַל יְדֵי זֶה מְקַבְּלִין גְּדֻלָּה. וְעִקַּר הַגְּדֻלָּה הִיא שִׁפְלוּת, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ אֵצֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ: 'כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ' (מגילה לא), כִּי עִקַּר הַגְּדֻלָּה הִיא שִׁפְלוּת".**

❖

## הייליג אָן קיין 'גבול'

**"וְעִקַּר הַתְּחִיָּה לֶעָתִיד, שֶׁיַּעַמְדוּ בִּתְחִיָּה וְיִחְיוּ חַיִּים נִצְחִיִּים, עִקַּר מַה שֶּׁיִּהְיֶה נִחְיֶה וְיָקוּם בִּתְחִיָּה הוּא הַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד".**

די 'תחיה' וועט נישט זיין פאר יעדן איינעם גליך; עס וועט זיין א תחיה בכלל, אבער יעדער איינער וואס איז געווען מערער (בשפלות) וועט האבן א שענערע תחיה.

---

עָנָה וְאָמַר כְּשֶׁרוֹאִין אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק אֲפִלּוּ כְּשֶׁאֵין שׁוֹמְעִין תּוֹרָה גַּם זֶה טוֹב מְאֹד כִּי עַל יְדֵי זֶה מְקַבְּלִין גְּדֻלָּה. וְהִתְחִיל לוֹמַר תּוֹרָה הַנַּ"ל בְּתוֹךְ דְּבָרָיו כְּשֶׁנִּכְנַס בַּאֲמִירַת הַתּוֹרָה כַּנַּ"ל עָנָה וְאָמַר **הֲלֹא בְּתוֹךְ כָּךְ אֲנִי אוֹמֵר תּוֹרָה** וְאַף עַל פִּי כֵן גָּמַר כָּל הַתּוֹרָה הַנַּ"ל. הַכְּלָל שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה תּוֹרוֹת כִּמְעַט כֻּלָּם נֶאֶמְרוּ בְּנֵס גָּדוֹל שֶׁכִּמְעַט כִּמְעַט הָיָה הָעוֹלָם חָסֵר מֵהַטּוֹב הַגָּנוּז הַזֶּה, וְקֹדֶם כָּל הַתּוֹרָה הָיָה הָעוֹלָם מִתְמוֹטֵט אִם יִזְכּוּ לְהַטּוֹב הַגָּנוּז הַזֶּה. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּדְרָכָיו הַנִּפְלָאִים וַחֲסָדָיו הָעֲצוּמִים סִבֵּב בְּכָל פַּעַם סִבּוֹת לְטוֹבָה עַד שֶׁזָּכִינוּ בְּכָל פַּעַם לִשְׁאֹב מֵהַנַּחַל הַנּוֹבֵעַ וְכוּ' כָּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר הֶעֱלִינוּ עַל הַסְּפָרִים. וּכְבָר מְבֹאָר שֶׁאָמַר **שֶׁבְּכָל דִּבּוּר וְדִבּוּר שֶׁאוֹמֵר בִּפְנֵי הָעוֹלָם תְּלוּיִים בּוֹ כָּל הָעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים וְתַחְתּוֹנִים.**

וואס וועט ווערן לעבעדיג? עס וועט ווערן לעבעדיג זיין אידישקייט, זיין הכרה אינעם אויבערשטן וואס ער האט געהאט.

אין ליקוטי הלכות טייטשט רבי נתן[כט]: "מְכַלְכֵּל חַיִּים בְּחֶסֶד מְחַיֵּה מֵתִים בְּרַחֲמִים רַבִּים" - דער אויבערשטער פירט יעדן איינעם בחסד - ווערליג עס זאל זיין 'מחיה מתים ברחמים רבים'.

די תחיה וועט נישט זיין ביי יעדן איינעם גלייך. דער רבי זאגט דא בפירוש אז דאס 'שפלות של כל אחד' וועט אויפשטיין לתחיה; אז איינער איז געווען מער שפל, וועט ער מער אויפשטיין לתחיה. וואס וועט אויפשטיין - די תאוות מיט די מידות? נאר דאס וואס ער האט ארויסגעבאפט עבודת ה', מיט אידישקייט, מיט די מצוות ומעשים טובים. דער רבי זאגט, דער עיקר איז דאס 'שפלות', דאס וועט אויפשטיין, דאס וועט זיין די תחיה.

"כִּי הַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד יִהְיֶה נִחְיֶה לֶעָתִיד, וְיָקוּם בִּתְחִיָּה, בִּבְחִינַת (ישעי' כו): "הָקִיצוּ וְרַנְּנוּ שֹׁכְנֵי עָפָר", וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סוטה ה): 'מִי שֶׁנַּעֲשָׂה שָׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו'. כִּי עִקַּר הַתְּקוּמָה בִּתְחִיָּה יִהְיֶה רַק לְהַשִּׁפְלוּת, שֶׁהַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד יִהְיֶה נִחְיֶה וְיָקוּם בִּתְחִיָּה לֶעָתִיד. כִּי תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא אִי אֶפְשָׁר לָנוּ לְהַשִּׂיג עַכְשָׁו, וְזֶה מֵחֲמַת שֶׁאָנוּ עַכְשָׁו בִּגְבוּל, וְכָל דָּבָר שֶׁיֵּשׁ לוֹ גְּבוּל אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַשִּׂיג תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא הָרוּחָנִי.

"וְעַל כֵּן גַּם עֹנֶג שַׁבָּת, שֶׁהוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (שבת קיח): 'כָּל הַמְעַנֵּג אֶת הַשַּׁבָּת, נוֹתְנִין לוֹ נַחֲלָה בְּלִי מְצָרִים', הַיְנוּ בְּלִי גְּבוּל".

---

[כט] הל' מילה ה"ה, אות ה', וזל"ש: וְעַל כֵּן הִזְכִּיר בְּבִרְכַּת הַתְּחִיָּה כָּל הַחֲסָדִים פְּרָטִיִּים שֶׁה' יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִם הָאָדָם בְּזֶה הָעוֹלָם וְחוֹזֵר וְשׁוֹנֶה וּמַזְכִּיר בְּכָל פַּעַם עִנְיַן הַתְּחִיָּה לוֹמַר שֶׁכָּל הַחֲסָדִים שֶׁה' יִתְבָּרַךְ עוֹשֶׂה עִם הָאָדָם בְּזֶה הָעוֹלָם הַכֹּל הוּא בְּאֹפֶן שֶׁיִּצְמַח לוֹ עַל יְדֵי זֶה טוֹבָה וְחֶסֶד נִצְחִי אַחַר הַתְּחִיָּה שֶׁהוּא הַתַּכְלִית, וּמִמֵּילָא יָבִין כָּל אֶחָד שֶׁמִּזֶּה נִמְשָׁךְ מַה שֶּׁלִּפְעָמִים נִתְעַכֵּב הַשֶּׁפַע אֵצֶל אֶחָד הֵן בְּפַרְנָסָה הֵן בִּשְׁאָר הִצְטָרְכוּת, כִּי הַכֹּל לְטוֹבָתוֹ הַנִּצְחִית אַחַר הַתְּחִיָּה, וכו' עיין עוד שם.

דער "באר מים חיים" - דער "סידורו של שבת", זאגט טאקע[ל], וואס איז דאס לשון "המענג את השבת" - ער איז מענג דעם שבת? זאגט ער טאקע אזוי, אז ער גיט אריין א חיות אין דעם שבת, ממילא ליגט ער אין דעם שבת, גיט מען אים אויך א חיות פון דעם שבת פון 'נחלה בלי מצרים'. אז איינער רעדט דארטן אום שבת דברים בטלים, צו ער טוהט א זאך אום שבת וואס עס איז נישט אזוי ווי עס דארף זיין, איז ער מחלל דעם שבת, ער איז מבזה דעם שבת. אבער דער וואס איז מענג דעם שבת, דאס הייסט, אז ער איז מהנה דעם אויבערשטן וואס מיט דעם איז ער מהנה דעם שבת, גיט מען אים אויך 'נחלה בלי מצרים', א נחלה וואס איז אויך אַן ענין פון עולם הבא. ווייל אזוי ווי ער איז מענג דעם שבת מיט א תענוג פון 'בלתי גבול', גיט מען אים אויך אזא נחלה, אזא מין השגות אלקות, וואס איז בלתי גבול! - א גאנצער שמועס רעדט ער דארט ארום.

"כִּי עֹנֶג שַׁבָּת שֶׁהוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, הוּא בְּחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל".

די גמרא זאגט: "כל המענג את השבת נותנים לו נחלה בלי מצָרים". דאס איז נישט קיין קליינקייט, דאס איז אַן עונג שבת 'בלתי גבול', עולם הבא! דאס מיינט אפילו דא אויך, מען גיט אים אמאל אזא מין נַחלה אָן קיין גבול. די צדיקים - זיי זענען יא משיג דעם תענוג עולם הבא אפילו אין דער וועלט אויך. פארוואס? ווייל ער איז אויך אָן קיין גבול, ער איז אזוי הייליג אינגאנצן אָן קיין גבול, אפילו זיין (קדושת) אכילה ושתיה איז אויך אָן קיין גבול, אָן קיין צמצום, ממילא גיט מען אים אזא מין ירושה, אז מין השגת אלקות, וואס עס איז אויך אָן קיין גבול.

ביי יעדן איינעם איז דא א גבול וואס נאכדעם הייסט עס ביי אים "פן יהרסו". דער צדיק איז משיג אזא מין השגה וואס אַן אנדערער קען טאקע פארברענט ווערן.

יעדער איינער האט דאך עפעס ארויסגעכאפט נקודות פון שפלות, ער האט דאך עפעס שפלות, אט דאס וועט ווערן לעבעדיג; וואס ער האט אויף דעם עולם ארויסגעכאפט מער שפלות, וועט ער האבן א שענערע תחיה.

❖

---

[ל] עיין סידורו של שבת חלק ראשון שורש חמישי, ענף ג'.

## "פאר אזא יוסעלע איז שוין געווען כדאי!"

"אז ימלא שחוק פינו" - לעתיד וועט זיין א געלעכטער. עס ווערט געבראכט אין ספרים, עס וועט קומען אַן אלטער איד פון הונדערט יאר און א יונגערמאן פון צוואנציג יאר און מען וועט מאכן א חשבון - האט ער מער ווי יענעם. איז דארטן א געלעכטער - אַן אלטער איד - און יענער איז יונגער, ער האט מער פון אים, ווייל ער האט אין זיינע קליינע יארן ארויסגעכאפט שפלות. שפלות הייסט דאך אמת. זיין עבודה וואס ער האט געטוהן ביים אויבערשטן איז געווען מיט מער שפלות, מיט מער אמת, האט ער מער ווי דעם אנדערנ'ס אלע זיינע יארן.

דאס איז א געוואלדיגער לשון דא: "דער עיקר איז נאר וואס ער כאפט ארויס שפלות!"; אז ער דאווענט, ער לערנט, ער טוהט מצוות ומעשים טובים - וואס עס ליגט אין דער זאך מער שפלות, מער 'הצנע לכת', דאס וועט ער האבן, דאס איז די תחיה וואס וועט ווערן ביי אים.

מען מיינט דען אז ער זאל זיך ארומדרייען לידיג און האבן שפלות?! נאר אין די תורה ותפילה וואס ער טוהט זאל ליגן דערין וואס מער אמת און מער שפלות, דער אמת ווייסט דאך נאר דער 'בוחן לבות', ער זאל נישט וועלן אז איינער זאל דערפון ויסן, נאר דער אויבערשטער אליין, דאס איז דער עיקר שפלות. אז ער האט עפעס א ישות פון זיין עבודה, איז דאך עס 'ישות'.

"וְעַל כֵּן עִקַּר חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל לֶעָתִיד לָבוֹא, בְּחִינַת תַּעֲנוּג עוֹלָם הַבָּא, יִהְיֶה רַק לְהַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד. כִּי שִׁפְלוּת וַעֲנִיווּת הוּא בְּחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל, כִּי הוּא בְּחִינַת אַיִן מַמָּשׁ, וְאֵין לוֹ שׁוּם גְּבוּל, מֵחֲמַת שֶׁהוּא בְּתַכְלִית הָעֲנִיווּת".

עס איז דא חילוקים ביי דעם אויך[לא].

[לא] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ח': אַף עַל פִּי שֶׁבְּוַדַּאי לֹא יִזְכֶּה הַקָּטָן בְּמַעֲלָה לֵידַע וְלִחְיוֹת חַיִּים נִצְחִיִּים כְּמוֹ הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל **וְיִהְיֶה חִלּוּקִים לְאֵין מִסְפָּר בֵּין מַדְרֵגַת כָּל אֶחָד וְאֶחָד, אַף עַל פִּי כֵן אֲפִלּוּ הַחִיּוּת וְהָעֹנֶג שֶׁיְּקַבֵּל הַקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים מֵאֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ לְבַד בְּלִי שׁוּם דָּבָר אַחֵר יִהְיֶה בּוֹ דַּי וְהוֹתֵר לִחְיוֹת לְעוֹלָם וָעֶד**, כִּי יֵשׁ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְכָל בְּרִיָּה אֲפִלּוּ לְהַקָּטָן שֶׁבַּקְּטַנִּים וְכַנַּ"ל. וְהָעִקָּר מִי

**די גמרא זאגט[לב], משה איז געווען "מה", דוד איז געווען "תולעת", אברהם איז געווען "עפר". דער רבי וועט זאגן ווייטער, דאס שפלות פון משה רבינו איז מלובש אין יעדן איבר ביי יעדן מענטש - "מחוקק"[לג], נאר וואס דען, עס שלאפט, עס איז אפגעשטארבן ביי אים, דארף מען דאס מאכן לעבעדיג[לד].**

**אזעלכע ווערטער - עס איז דאך א געוואלד! דאס איז דער עיקר מענטש, דער עיקר תחיה וועט זיין דאס דאזיגע, אט דאס איז דער עיקר חיות!**

**זיי זאגן אז דער תולדות ברענגט עס - איך וויים... איך האב עס נישט געזעהן - איך קוק אלעמאל אין תולדות, נאר זיי זאגן אז דער תולדות ברענגט: "לַעֲשׂוֹת רְצוֹנְךָ אֱלֹקַי חָפָצְתִּי", נאר איין זאך איז מיר מונע, "וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי" - אז איך האב א פולן בויך מיט תורה, דאס לאזט מיר נישט טוהן דיין רצון.**

**די ליטוויקעס ברענען אויף דעםווארט...**

**דער "תולדות" איז דאך געווען א געוואלדיגער למדן, איז וואס מיינט דער "תולדות"? א תורה וואס איז מיט א פולן בויך, א תורה וואס איז מיט גאוה, דאס לאזט נישט טוהן דעם אויבערשטנ'ס רצון! אוודאי, תורת ה' איז דען א קליינקייט?**

---

שֶׁחוֹתֵר וּמִשְׁתַּדֵּל לִזְכּוֹת לָזֶה בְּחַיִּים חִיּוּתוֹ. וְעַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל הֶחָפֵץ בְּחַיִּים אֲמִתִּיִּים שֶׁיִּזְכֶּה לָבֹא לָזֶה בְּחַיָּיו שֶׁיִּהְיֶה לוֹ דַּי בֶּאֱלֹקוּתוֹ לְבַד וְלֹא יִרְצֶה שׁוּם דָּבָר אַחֵר רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְתוֹרָתוֹ וּמִצְוֹתָיו שֶׁהֵם אַחְדוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַשְׁרֵי הַמִּשְׁתַּדֵּל עַד שֶׁזּוֹכֶה לָזֶה.

[לב] חולין פט.

[לג] וזל"ש בהמשך: וְזֶהוּ: "בִּמְחֹקֵק בְּמִשְׁעֲנֹתָם". מְחֹקֵק דָּא משֶׁה, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בָּבָא בַּתְרָא טו). גַּם מְחֹקֵק בְּגִימַטְרִיָּא רַמַ"ח, הַיְנוּ בְּחִינוֹת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל משֶׁה, שֶׁמְּלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּרַמַ"ח אֵיבָרָיו, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר כַּנַּ"ל.

[לד] וזל"ש בהמשך: **כִּי דַּע, שֶׁיֵּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּחִינַת הַשִּׁפְלוּת שֶׁל משֶׁה בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר**, וְזֶה זָכוּ יִשְׂרָאֵל בְּמַעֲמַד הַר סִינַי, שֶׁאָז הִמְשִׁיךְ משֶׁה הַשִּׁפְלוּת שֶׁלּוֹ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר **אֲבָל אוֹתוֹ הַשִּׁפְלוּת שֶׁל משֶׁה, שֶׁהוּא מֻשְׁרָשׁ בְּכָל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, הוּא מֻנָּח וְשׁוֹכֵב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד בִּבְחִינַת שְׁכִיבָה וּמִיתָה**, כִּי זֹאת הַשִּׁפְלוּת נִתְעַלֵּם אֵצֶל כָּל אֶחָד, וְאֵינוֹ מִתְעוֹרֵר וּמִתְגַּלֶּה אֶצְלוֹ. **אֲבָל עַל יְדֵי הַתְּשׁוּבָה שֶׁהוּא בְּחִינַת חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא**, שֶׁעַל יְדֵי זֶה נִחְיֶה הַשִּׁפְלוּת שֶׁל כָּל אֶחָד, כִּי עִקַּר הַתְּחִיָּה הוּא לְהַשִּׁפְלוּת, כִּי הַשִּׁפְלוּת יִהְיֶה נִחְיֶה וְיָקוּם בִּתְחִיָּה כַּנַּ"ל, **עַל יְדֵי זֶה חוֹזֵר וְנִחְיֶה הַשִּׁפְלוּת שֶׁל משֶׁה**, שֶׁהוּא מֻשְׁרָשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל בְּכָל אֵיבָר.

דאס איז דער אויבערשטער, דאס איז דער רצון ה', אבער תורה פול מיט גאוה, מיט ישות, דאס איז היפך פון רצון השם.

**אַה, דער "תולדות" - א קליינקייט?!**

עס איז דא א ווארט[לה], דער בעל שם האט געזאגט (פארן אויבערשטן): **"איך זאל וועןן נישט וועןן קומען אויף דער וועלט נאָר דיר ברענגען אזא מין יאסעלע איז שוין כדאי!"** [- דער תולדות האט געהייסן "ר' יעקב יוסף"], **דער "תולדות" איז געווען א געוואלד!**

דער רבי האט געזעהן איינמאל דעם תולדות[לו]. עס איז געפארן א פיר מיט צדיקים פון מעזיבוש קיין פולנאה, דער רבי איז דעמאלט געווען א קינד פון עטליכע יאר, האט ער זיך געוואלט מיטכאפן, האבן זיי אים נישט געלאזט - 'א קינד פון עטליכע יאר זאל זיך מיטכאפן?!' אבער דער רבי איז דאך געווען אַן עקשן, האט דער רבי אוועקגעשטעלט א פוס דארטן אויף דעם אייזן פון דער בריטשקע. עס האט אנגעהויבן צו פארן און ער גייט נישט אראפ. איז געווען איינער פון די צדיקים, צו ר' חיים קראסנער, און האט אים אריינגענומען. האט ער געזעהן דעם תולדות איינמאל. דער רבי האט געדאנקט דעם צדיק וואס האט אים אריינגענומען - אזוי האט ער געזעהן דעם תולדות.

דער רבי איז דעמאלט געווען א קינד פון עטליכע יאר, האט ער איינמאל געזעהן דעם תולדות.

(השואל: דער תולדות ליגט אין פולנאה?) יא, ער ליגט אין פולנאה, דער מוכיח ליגט לעבן אים.

❖

---

[לה] עיין אמרי פנחס שער ט' אות כ'.

[לו] "התולדות" נסתלק כ"ד תשרי תקמ"ב, בהיות רבינו כבן עשר.

## קיינמאל נישט געגאנגען אין מקוה

**דער רבי זאגט: "וְעִקָּר חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא הוּא רַק בִּבְחִינַת בִּלְתִּי גְּבוּל כַּנַּ"ל".**

**אַה! דארטן איז א חיות פון בלתי גבול. אט דאס איז טאקע דער חידוש מיט וואס א איד איז גרעסער ווי א מלאך; ווייל א מלאך איז טאקע 'בלתי גבול', ער האט נישט קיין שום גבול, ער האט נישט קיין שום צמצום, קיין שום הנאות (- של עולם הזה). אבער דער צדיק איז דאך דא אין דער וועלט, און אין דער וועלט איז דאך אלץ גבולים, ער מוז דאך טרינקען, ער מוז דאך שלאפן, איז דאך עס אלץ 'גבול', 'גבול', און אז ער איז 'בלתי גבול', איז ער טאקע גרעסער ווי א מלאך, ווייל ער געפינט זיך אין א 'גבול' און ער איז 'בלתי גבול'.**

**"וְעַל כֵּן שַׁבָּת שֶׁהוּא מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, נֶאֱמַר בּוֹ: 'טוֹעֲמֶיהָ חַיִּים זָכוּ', כִּי מִי שֶׁטּוֹעֵם טַעַם עֹנֶג שַׁבָּת, זוֹכֶה לְחַיִּים, בְּחִינַת חַיִּים נִצְחִיִּים כַּנַּ"ל".**

**- אַה! די וואס פארזוכן דעם שבת, זיי זענען זוכה צו א חיים נצחיים!**

**דעם שבת האבן מיר ברוך השם יעדע וואך - אלע וואך האבן מיר א שבת! יום טוב האבן מיר איינמאל אין א האלב יאר - שבת האבן מיר אלע וואך!**

(השואל: ווי אזוי איז מען זוכה צו עונג שבת - דורך אכילה?) **שבת איז דאך א מצוה צו עסן - מקיים זיין די דריי סעודות פון שבת, פונדעסטוועגן איז ער דעמאלט 'בלתי גבול'[לז].**

**איך האב געהערט אז ר' סענדער** (טירהאוויצער) **איז געווען אין אומאן, עס איז געווען אויף דער נאכט, ר' סענדער האט געדאוונט מיט א קאך, ער פלעגט דאווענען די מעריב'ס זייער** (בקול רעש)**, און רבי נפתלי איז שוין געשלאפן. האט ער געזאגט,**

---

[לז] עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ב, אות ה': **וְזֶה בְּחִינַת אֲכִילַת שַׁבָּת שֶׁהִיא יְקָרָה מְאֹד** כִּי שַׁבָּת הִוא בְּחִינַת בּוּשָׁה וּתְשׁוּבָה וְעַל כֵּן אָז הָאֲכִילָה הִוא בִּקְדֻשָּׁה גְּדוֹלָה מְאֹד וְזוֹכִין עַל יָדָהּ לְחַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן עִקַּר עֹנֶג שַׁבָּת הוּא הָאֲכִילָה שֶׁל שַׁבָּת כִּי בְּשַׁבָּת צְרִיכִין דַּיְקָא לֶאֱכֹל כִּי עַל יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת דַּיְקָא זוֹכִין לְחַיִּים נִצְחִיִּים כַּנַּ"ל. כִּי שַׁבָּת הִיא בְּחִינַת עוֹלָם הַבָּא בְּחִינַת טוֹעֲמֶיהָ חַיִּים זָכוּ כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם. **וְעַל יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת נִתּוֹסֵף חַיִּים בִּבְחִינוֹת חַיִּים אֲמִתִּיִּים חַיִּים נִצְחִיִּים שֶׁל עוֹלָם הַבָּא בִּבְחִינוֹת שִׁפְלוּת** כַּנַּ"ל. וְהָבֵן הֵיטֵב.

מען זאל אים זאגן ער זאל אויפהערן: "מיין שלאפן איז טייערער ווי זיין דאווענען - ער זאל מיר נישט שטערן דעם שלאף!".

איך מיין דאך, שלאפן איז דאך אין א גבול, אבער עס איז געווען אזא צדיק וואס זיין שלאפן איז טייערער פון יענעמ'ס (תורה ותפילה). דער רבי ברענגט דאס אין א תורה[לח] - 'זיין חצוניות איז העכער ווי יענעמ'ס פנימיות'.

אפילו צדיקים, אז ער איז אין דעם עולם מוז ער דאך האבן א גבול, ער איז דאך אין דעם עולם, "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם". דער מעזריטשער מגיד איז אין זיין לעבן קיינמאל נישט געגאנגען אין מקוה[לט], ער איז געווען א קראנקער מענטש, א חולה מסוכן, דער בעל שם הקדוש האט אים געגעבן (צו מכוון זיין) שמות דארטן 'כמו מקוה'; וואס איז שייך, אז ער קען נישט - קען ער נישט.

מען האט פארן רבי'ן געזאגט: "דער מגיד, וואו ער גיט א קוק - זעהט ער די שבעה רועים!". האט דער רבי געזאגט: "אויפן מגיד איז אלצדינג צו גלויבן!"[מ].

אז ער איז געווען א קראנקער מענטש, האט ער זיך געמוזט היטן. און ער איז געווען אזוי גרויס! - ביי זיי איז געווען טאקע 'בלתי גבול', 'אַיִן' 'אַיִן'.

---

[לח] תורה ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ה, אות ג': וּפְנִימִיּוּת וְחִיצוֹנִיּוּת, הֵם שְׁנֵי מִינֵי עֲבוֹדוֹת: עֲבוֹדָה שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּמִצְוֹת, הֵם פְּנִימִיּוּת. וַעֲבוֹדַת אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּשְׁאָר צָרְכֵי הַגּוּף, הֵם חִיצוֹנִיּוּת. וַעֲבוֹדַת חִיצוֹנִיּוּת, הַיְנוּ אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה, שֶׁל הָאָדָם הָעוֹמֵד בַּמַּדְרֵגָה הָעֶלְיוֹנָה, הִיא מְאִירָה וּמְשֻׁבַּחַת יוֹתֵר, מֵעֲבוֹדוֹת פְּנִימִיּוּת, הַיְנוּ תּוֹרָה וּתְפִלָּה, שֶׁל הָאָדָם הָעוֹמֵד בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה. וּבִשְׁבִיל זֶה פְּנִימִיּוּת הַתַּחְתּוֹן נַעֲשֶׂה לְבוּשׁ לַחִיצוֹנִיּוּת הָעֶלְיוֹן.

[לט] עיין עשר אורות מערכת א' - ערך הרה"ק המגיד ממעזריטש אות ח': נודע ומפורסם, שהבעש"ט אמר: **אם היה יכול המגיד הקדוש ממעזריטש לילך למקוה היה מביא משיח.** והצדיקים ביארו זה המאמר, שהמגיד ביכולתו עם המקוה שלו להכניס הרהורי תשובה בכל העולם, ובהכרח היתה הגאולה שלימה.

[מ] מובא בחיי מוהר"ן אות תקנ"ג: וּפַעַם אַחַת סִפְּרוּ לְפָנָיו מִצַּדִּיק אֶחָד שֶׁאָמַר עַל הָרַב הַמַּגִּיד הַקָּדוֹשׁ רַבִּי דֹּב הַנַּ"ל **שֶׁבְּכָל הִסְתַּכְּלוּת שֶׁהָיָה הַמַּגִּיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִסְתַּכֵּל רָאָה כָּל הַשִּׁבְעָה רוֹעִים**. וְהֵשִׁיב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה **עַל הַמַּגִּיד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה יֵשׁ לְהַאֲמִין הַכֹּל**.

און דאס עסן איז אויך ביי אים געווען - - עס איז א תורה אין ליקוטי מוהר"ן[מא] - מען עסט אותיות - מען קען עסן אותיות! דאס עסן איז אותיות! און ביים שלאפן איז ער מטייל דארטן אין די היכלות.

יעדער איינער זאל וויסן דאס דאזיגע, וואס מער ער וועט ארויסכאפן נקודות טובות פון 'שפלות' מיט מער 'הצנע לכת', דאס וועט זיין, און דאס איז דער עיקר, דעמאלט וועט ער טאקע זיין נענטער צום תענוג עולם הבא, צו חיים נצחיים, וועט ער האבן א שענערע תחיה.

(ר' משה: דער רבי זאגט אז דער עיקר עונג שבת איז די אכילה?) **יא יא, עס איז דא א לשון[מב]: "שינה בשבת תענוג"; איז דאך די 'שינה' אויך א תענוג - אלץ איז תענוג. דער רבי זאגט[מג]: "אכילת שבת כולו אלוקות, כולו קודש", "ועולה למקום אחר לגמרי מן אכילת חול!" - 'כולו אלוקות, כולו קודש'...**

דער רבי זאגט דאך די תורה פאר אונז אויך, מען האט דאך אפגעדרוקט דער תורה; זאל מען וויסן די ידיעה, אז די עיקר גדולה, די עיקר תחיה, וועט זיין נאר דאס שפלות פון יעדן איינעם.

❖

---

[מא] ליקוטי מוהר"ן סי' י"ט, אות ז': **וּמִי שֶׁיָּכוֹל לְהִתְעוֹרֵר הִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁבְּכָל מַעֲשֵׂה בְּרֵאשִׁית שֶׁיֵּשׁ בְּכָל דָּבָר, אֲזַי אֲכִילָתוֹ וּשְׁתִיָּתוֹ וְכָל תַּעֲנוּגָיו אֵינוֹ אֶלָּא מֵהִתְנוֹצְצוּת הָאוֹתִיּוֹת שֶׁבַּאֲכִילָה וּשְׁתִיָּה.** עיין גם ליקוטי הלכות הל' תפילה ה"ד, אות ו': נִמְצָא שֶׁזֶּה הַצַּדִּיק שֶׁזּוֹכֶה לָזֶה אֵינוֹ אוֹכֵל וְשׁוֹתֶה מַאֲכָל וּמַשְׁקֶה שֶׁל שְׁאָר בְּנֵי אָדָם כְּלָל. **רַק הוּא אוֹכֵל וְשׁוֹתֶה אוֹתִיּוֹת קְדוֹשׁוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת נְפָשׁוֹת קְדוֹשׁוֹת שֶׁהוּא בְּחִינַת פְּנִימִיּוּת חִיּוּת הַמַּאֲכָל שֶׁמִּשָּׁם עִקַּר הַחִיּוּת הַפְּנִימִי** וְכוּ'. וּכְבָר מְבֹאָר אֶצְלֵנוּ מַעֲשֶׂה נוֹרָאָה מֵעִנְיַן הַצַּדִּיק שֶׁזָּכָה לָזֶה. שֶׁרָאָה בִּשְׁעַת אֲכִילָתוֹ שֶׁכָּל הַלֶּחֶם שֶׁהָיָה מֻנָּח לְפָנָיו הָיָה כֻּלּוֹ אוֹתִיּוֹת וְכוּ'. נִמְצָא שֶׁיֵּשׁ צַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים גְּדוֹלִים כְּאִלּוּ שֶׁמַּאֲכָלָם אֵינוֹ כְּלָל מַאֲכָל שֶׁל זֶה הָעוֹלָם.

[מב] מובא בילקוט הראובני בשם ספר זר זהב משמו של האריז"ל.

[מג] עיין ליקוטי מוהר"ן סי' רע"ז: **אֲכִילַת שַׁבָּת יְקָרָה מְאֹד, כִּי הוּא כֻּלּוֹ אֱלֹהוּת כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ**, וְכַמְבֹאָר (לְעֵיל בְּסִימָן נ"ז). וְעַל כֵּן מִצְוָה גְּדוֹלָה לְהַרְבּוֹת בִּסְעֻדַּת שַׁבָּת, גם עיין ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ז, וזל"ש אות ה': **אֲכִילַת שַׁבָּת, נַעֲשֶׂה קְדֻשָּׁה וֶאֱלֹקוּת גָּמוּר, בְּלֹא תַּעֲרֹבֶת סִיגִים כְּלָל.** וְיָכוֹל לִפְעֹל בַּאֲכִילַת שַׁבָּת, מַה שֶּׁפּוֹעֵל בְּתַעֲנִית. גם עיין שם תניינא סי' י"ז: **אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ רוּחָנִיּוּת, כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ, וְעוֹלָה לְמָקוֹם אַחֵר לְגַמְרֵי מִן אֲכִילַת חֹל**, כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר.

# זיך ארייננעמען אין דעם 'דעת'

זאגט דער רבי: "וְדַע, שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד לְפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין שֶׁלּוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה, בִּבְחִינַת (שיר השירים ז): "מֶלֶךְ אָסוּר בָּרְהָטִים" 'בִּרְהִטֵי מֹחִין' (סוף התיקונים תיקון ו, דף ה). הַיְנוּ שֶׁבְּחִינַת הַמַּלְכוּת, דְּהַיְנוּ גְּדֻלָּה הוּא אָסוּר וְקָשׁוּר בִּרְהִטֵי מֹחִין, שֶׁלְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין כֵּן מְקַבֵּל גְּדֻלָּה".

אז דער מענטש ליגט עפעס אין א צמצום, איז שוין די מוחין אין א קטנות. ווען שיינען אים די מוחין? אז ער איז 'בלתי גבול' - ער האט נאר געדאנקען אין מח פון 'בלתי גבול', ער האט נישט קיין געדאנקען פון תאוות און תענוגים. אז ער האט געדאנקען פון אנדערע זאכן איז עס דאך אין א 'גבול'. דאס 'התנוצצות המוחין' שיינט אויב ער איז מער דבוק אין דעם אויבערשטן, וואס דעמאלט איז ער אלץ 'בלתי גבול'. דאס התנוצצות המוחין איז גאר איין זאך מיט שפלות. וואס ער איז מער דבוק אין דעם אויבערשטן, האט ער שענערע מוחין, איז ער מקבל מער גדולה.

"וְהַמֹּחִין וְהַדַּעַת הֵם בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (ברכות לג.): 'כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה, כְּאִלּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו. כִּי דֵּעָה נִתַּן בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת, וּבֵית הַמִּקְדָּשׁ נִתַּן בֵּין שְׁתֵּי אוֹתִיּוֹת' וְכוּ'".

עס שטייט "דעה" אינדערמיט צווישן די צוויי שמות - "א-ל דעות ה'". אז דער מח איז א מח, ער האט נאר גוטע געדאנקען צום אויבערשטן, איז ער אינדערמיט צווישן די צוויי שמות; דער מח, דער דעת, איז אינדערמיט און צוויי שמות נעמען אים ארום.

"וְעַל כֵּן כָּל אֶחָד כְּפִי מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ וּכְפִי שֶׁהוּא מַכְנִים עַצְמוֹ בְּתוֹךְ הַדַּעַת"...

אונזערע לייט פלעגן זיך זייער מעמיק זיין אין וואס דער רבי זאגט דא: "ער נעמט זיך אריין אין דעם 'דעת' אריין!". יעדער איינער האט א ידיעה, ער האט א גוטע ידיעה, אבער (דער עיקר איז) - זיך ארייינלייגן אין דער ידיעה, 'זיך ארייננעמען אין דעם דעת'! אז ער האט עפעס א גוטן געדאנק און ער לייגט זיך אריין אין דעם דעת,

לייגט ער זיך אריין אין דעם געדאנק! "וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל לְבָבֶךָ" - גיי אריין אין דער ידיעה.

אז ער גיט א טראכט א גוטן געדאנק און ער גיט א לויף אוועק אויף אַן אנדער פלאץ, גייט ער נישט אריין אין דער ידיעה. דער רבי זאגט: "וכפי שהוא מכנים עצמו בתוך הדעת". אז איך האב א גוטע ידיעה, לייג איך זיך אריין אין דער ידיעה.

"כָּל מַה שֶּׁהוּא עוֹסֵק יוֹתֵר לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, כֵּן הוּא עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, כִּי עִקַּר בְּחִינַת בִּנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הוּא הַדַּעַת כַּנַּ"ל".

דער עיקר בנין בית המקדש איז דער 'דעת'. די צדיקים זענען 'עוסק בבנינו'; וואס דער מח זיינער איז שענער, עס שיינט מערער, איז ער מער עוסק אין דעם בנין.

"וְיֵשׁ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מֹחַ מָהִיר וְחָרִיף, וְהוּא עוֹסֵק תָּמִיד לְהַגְדִּיל מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת עוֹסֵק בְּבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. וּכְפִי הַגְדָּלַת דַּעְתּוֹ וּמֹחוֹ כֵּן זוֹכֶה לְקַבֵּל גְּדֻלָּה".

'עס איז דא וואס האבן א גוטן מח, א שארפן מח', אבער עס איז דא גוטע קעפ וואס זיי טראכטן אנדערע זאכן, מען קען עס אויסניצן אויף אנדערע זאכן אויך...

דער רבי זאגט דא: עס איז דא וואס האבן א "מח מהיר וחריף" און ער איז עוסק תמיד "להגדיל מוחו ודעתו". אונזערע לייט פלעגן זאגן, דאס התנוצצות המוחין מיינט מען שפלות; אויב א מענטש האט נישט קיין שפלות, שיינט נישט דער מח.

וואס הייסט 'התנוצצות המוחין'? ער האט א התנוצצות, א שַיין צום אויבערשטן, א נאנטקייט צום אויבערשטן. אויב האט ער ישות, איז ער ווייט פון דעם אויבערשטן, "אשכון את דכא", דער אויבערשטער קען אים גארנישט פארליידן, איז עס גארנישט קיין 'התנוצצות המוחין'; 'התנוצצות המוחין' איז נאר שייך צו זאגן ביי מוחין פון אלקות, אזוי ווי דער רבי זאגט אין דער תורה פון "בראשית - לעיני כל ישראל"[מד], אז ביי דעם צדיק זענען זיינע ארבע מוחין די ארבע אותיות הוי"ה.

---

[מד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז.

אז איינער מאכט דארטן פאבריקן פון געוועהר צו וואס, האט ער א גוטן מח - א 'מח מהיר וחריף', אבער (דער עיקר איז) דאס התנוצצות המוחין, עס זאל שיינען!

דער אויבערשטער גיט יעדן איינעם (דעת), וואס וועדליג זיין מח דארף ער אים אויסניצן - עס איז נישט שייך 'גרעסער' 'קלענער'; יעדער איינער האט דאך א שטיקעלע גדאנק - מיט שפלות וועט עס שיינען.

❖

## קענען דעם רבי'ן

(לכאורה) פריער זאגט דער רבי אז דורך 'שפלות' איז מען זוכה צו גדולה, און דא זאגט דער רבי - דורך 'התנוצצות המוחין'? אבער דאס איז נישט סותר דאס אנדערע, אט דאס הייסט שפלות (- הגדלת הדעת).

"וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם"[מה]. וואס הייסט 'עניו מאד'? די תורה איז דאך געגעבן געווארן דורך משה רבינו, יציאת מצרים - דורך משה רבינו, קריעת ים סוף - דורך משה רבינו, אלץ איז געווען משה רבינו, "וידבר ה' אל משה לאמר" - די גאנצע תורה איז משה, וואס הייסט "עניו מאד"? נאר ער איז געווען אזוי דבוק אין דעם אויבערשטן אז עס האט אים אזוי געשיינט דאס אלקות אז עס איז גארנישט שייך ביי אים צו זאגן אפילו א רעיון בדקות פון ישות, ער איז אזוי 'בלתי גבול'. דווקא 'ווייל' ער איז געווען אזוי גרויס - איז ווי קען דארט אריינגיין א גדאנק פון ישות אז ער איז אזוי נאנט צום אויבערשטן?![מו]

---

[מה] במדבר יב, ג.

[מו] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, המיוסד על תורה זו, אות ה', וז"ל: מִי שֶׁמְּבַטֵּל עַצְמוֹ בְּתַכְלִית עַד שֶׁזּוֹכֶה לְחַיִּים הַנַּ"ל בֶּאֱמֶת שֶׁהֵם עֲנָוָה אֲמִתִּיִּית, הוּא אֵינוֹ צָרִיךְ לְהַשְׁפִּיל עַצְמוֹ לֶעָפָר מַמָּשׁ. אַדְּרַבָּא הוּא יָכוֹל לִמְלֹךְ וּלְהִשְׁתָּרֵר וּלְהִתְפָּאֵר עַצְמוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְפָּאֲרוּת. וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא עָנָיו בֶּאֱמֶת, כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בִּגְדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים שֶׁהִתְפָּאֲרוּ אֶת עַצְמָם בְּכַמָּה הִתְפָּאֲרוּת, כְּמוֹ רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי שֶׁאָמַר בְּאִדְרָא, אסהדנא עָלַי וְכוּ'. וְכֵן אָמַר, רָאִיתִי בְּנֵי עֲלִיָּה וְכוּ' אִם שְׁנַיִם הֵם אֲנִי וְכוּ' (סֻכָּה מה). וְכֵן בְּכַמָּה וְכַמָּה גְּדוֹלֵי הַתַּנָּאִים וְאַמוֹרָאִים שֶׁהָיוּ מִתְפָּאֲרִים עַצְמָם בְּכַמָּה הִתְפָּאֲרוּת, (עַיֵּן סוֹף סוֹטָה). וְלִכְאוֹרָה נִדְמֶה שֶׁהוּא נֶגֶד דַּרְכֵי הָעֲנָוָה, אֲבָל בֶּאֱמֶת, זֶהוּ עִקַּר תַּכְלִית שְׁלֵמוּת הָעֲנָוָה

רבי נתן רעדט דאס אין א הלכה[מז], וואס דער מענטש ליגט מער אין די תאוות וואלט ער געדארפט זיין ביי זיך מער צובראכן, אבער למעשה איז עס פונקט פארקערט גאר, וואס ער איז מער ווייט, איז ער מער א בעל גאוה'ניק[מח]. ווייל דאס ישות נעמט זיך אלץ פון תאוות מיט תענוגים.

❖

"וְזֶה בְּחִינַת (משלי כב): 'חָזִית אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ, לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב'".

- אז דו זעהסט א מענטש וואס איז א 'מהיר במלאכתו', איז 'לפני מלכים יתייצב'.

דא טייטשט דער רבי: "חזית איש" - אז ער זעהט דעם צדיק. ווייטער וועט דער רבי זאגן - 'דער צדיק זעהט אים'. עס איז גאר איין זאך - דער 'חזית איש' און דער 'ואתה תחזה'; אז דו זעהסט דעם צדיק - זעהט ער דיר אויך.

אין דעם איז אויך דא חילוקים[מט]; דעם רבי'ן האבן אסאך מענטשן געזעהן... ר' נחמן טולטשינער האט אמאל א זאג געגעבן צו רבי נתן'ען: "איי, ווען איך וואלט

---

הָאֲמִתִּיִּית כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי וְהֵבַנְתִּי מִמֶּנּוּ ז"ל, **כִּי עִקַּר הָעֲנָוָה שֶׁיּוּכַל לִכְתֹּב עַל עַצְמוֹ וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָיו מְאֹד וְכוּ', כַּמּוּבָא בִּדְבָרֵינוּ בְּמָקוֹם אַחֵר** (ליקו"מ קמ"ז) וְכַמְרֻמָּז בְּסוֹף הַתּוֹרָה הַנַּ"ל. שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת הָעֲנָוָה לִהְיוֹת עָצֵל וְכוּ' (שֶׁקּוֹרִין שְׁלִימַזְלְנִיק) וְכוּ', עַיֵּן שָׁם. עיין גם חיי מוהר"ן אות רס"ט.

[מז] עיין ליקוטי הלכות הל' ערלה ה"ה, אות ז'.

[מח] עיין ליקוטי תפילות תפילה י', מש"ש בא"ד, בזה"ל: כִּי בֶּאֱמֶת שָׁפָל וְנִבְזֶה כָּמוֹנִי, לֹא הָיָה צָרִיךְ לְהִתְפַּלֵּל כְּלָל לְהִנָּצֵל מִגֵּאוּת כִּי אֵיךְ יַעֲלֶה עַל דַּעַת נִבְזֶה וְנִמְאָס וּמָלֵא פְּגָמִים מִכַּף רֶגֶל וְעַד רֹאשׁ, שֶׁיִּכְנֹס בְּלִבּוֹ שְׁטוּת וְשִׁגָּעוֹן הַזֶּה, שֶׁיַּעֲלֶה עַל דַּעְתּוֹ שׁוּם נִדְנוּד גֵּאוּת ... וּבְוַדַּאי לֹא הָיִיתִי צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ כְּלָל עַל בִּטּוּל הַגֵּאוּת. אַךְ הֲלֹא אַתָּה יָדַעְתָּ ה' אֱלֹקֵינוּ, כִּי בָּשָׂר וָדָם אֲנַחְנוּ וְדַעְתֵּנוּ מְעֻרְבָּב וּמְבֻלְבָּל מְאֹד בְּכַמָּה מִינֵי שְׁטוּתִים וְשִׁגָּעוֹן, עַד שֶׁאוֹרְבִים עָלֵינוּ גַּם בְּמַחֲשָׁבוֹת שְׁטוּת שֶׁל פְּנִיּוֹת וְגַבְהוּת כַּאֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ. וכעין זה כמעט בזה"ל שם בתפילה י"ד.

[מט] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות י"ב: **עִקַּר הָרְאִיָּה הוּא כְּשֶׁהוּא בֶּאֱמֶת וּבֶאֱמוּנָה** שֶׁאָז נִקְרָא רְאִיָּה, כְּמוֹ שֶׁאָמַר אדמו"ר ז"ל בְּמָקוֹם אַחֵר שֶׁהָאֱמוּנָה בְּחִינַת רְאִיָּה, כִּי **כְּשֶׁרוֹאֶה פְּנֵי הַצַּדִּיק וְאֵינוֹ מַאֲמִין אֵין זֶה נִקְרָא רְאִיָּה כְּלָל, כִּי בֶּאֱמֶת אֵינוֹ רוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק כְּלָל מֵאַחַר שֶׁלְּפִי דַּעְתּוֹ אֵינוֹ צַדִּיק, כִּי אֵינוֹ מַאֲמִין בּוֹ. נִמְצָא, שֶׁאֵינוֹ רוֹאֶה אֶת הַצַּדִּיק כְּלָל**, אֲבָל יִשְׂרָאֵל רָאוּ אֶת מֹשֶׁה וְהֶאֱמִינוּ בּוֹ, שֶׁזֶּה עִקַּר רְאִיַּת פְּנֵי הַצַּדִּיק וְעַל יְדֵי זֶה נִמְשַׁךְ עֲלֵיהֶם הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחִין.

וועז געקענט דעם רבי'ן"... האט רבי נתן געזאגט: "ווער דען האט געקענט דעם רבי'ן - יוסל פּאַראָניק?!" - ער האט געזעהן דעם רבי'ן?! ער פלעגט דאך האלטן דעם פּאַראָן (ספינה קטנה), פלעגט ער זעהן דעם רבי'ן[נ].

עס שטייט דארטן ביי די עולי רגלים[נא]: "כדרך שבא לראות - כך בא ליראות". איז דאך דארט אויך געווען חילוקים.

❖

## "מיט שעפל מיט לעפל"

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען אזא מין שארפער מח, און אזא מין שפל געווען ביי זיך.

אונזערע לייט פלעגן זאגן, א למדן אז ער הארעוועט אפ דארטן זעכציג-זיבעציג יאר אויף לומדות, איז ער א למדן. אז איינער הארעוועט זעכציג יאר אויף שפלות, האט ער אויסגעהארעוועט שפלות.

ער איז א געוואלד געווען, אזוי גארנישט זיין ביי זיך.

(אחד מהזקנים: וואס זאל טוהן אַן אלטער איד אז ער באטראכט זיך?) איך האב געקענט א גר וואס האט זיך מגייר געווען ביי די פיר-און-זעכציג יאר!

יא, מען קען, מען קען!

דער "געוואלד, זייט אייך נישט מייאש"[נב], דאס רעדט דער רבי פאר יונגעלייט און פאר עלטערע אידן אויך! אוודאי, "טוֹב לַגֶּבֶר כִּי יִשָּׂא עֹל בִּנְעוּרָיו"[נג], אבער

---

[נ] עיין טעם זקנים קונטרס כ"ו: ער פלעגט אריבערפירן דעם רבי'ן דארטן; פון ברסלב קיין ראייריד גייט דארט א 'פּאַראָן' (מעבורת, ספינה קטנה שעוברים בה את הנהר) אינדערמיט, האט ער אריבער געפירט דעם רבי'ן, האט ער געזעהן דעם רבי'ן.

[נא] חגיגה ב.

[נב] חיי מוהר"ן מ"ט; שיחות הר"ן קנ"ג.

[נג] איכה ג, כז.

**ווען מען דערמאנט זיך, ווען מען דערמאנט זיך - -** [נד] **אוודאי, אז דער אויבערשטער העלפט אז מען האט א שמונה עשרה פון אנהויב אָן ביזן סוף מיט א התקשרות צום אויבערשטן,** (זה בוודאי טוב)**, אבער אז מען דערמאנט זיך ביי 'שמע קולינו' קען מען דעמאלט אויך האבן תשובה וחרטה.**

(ר' משה: פון ר' נחמן טולטשינער איז געווען גרעסערע לומדים?) **ר' אפרים** (ב"ר נפתלי) **איז געווען א למדן עצום. עס איז געווען איינער אין קרימענטשוק, איך האב אים געקענט, ער איז געווען א תלמיד ביי ר' אפרים, ער איז געווען א געוואלדיגער למדן, האט ער מיר געזאגט אויף ר' אפרים - 'דאס גאונות זיינע איז געווען געוואלדיג - א גאון עולם!'. האט רבי נתן אים איינמאל געזאגט: "איך זאל זיך רעכטן אז דו פרויקע מיט דיין קעפעלע - זאל נחמן האבן אינעם רבי'נס ספר מער געפיל פון דיר?!"**[נה].

**ר' נחמן טולטשינער איז געווען ביי זיך ממש א שטיקל בלאטע.** (ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט) **אויף זיין טאטן: "דער טאטע איז געווען א שטיקל בלאטע!" - ממש געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע.**

---

[נד] עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ה, אות ו', וזל"ש: וּמִכָּל שֶׁכֵּן מִי שֶׁלֹּא הִתְחִיל כְּלָל בִּימֵי הַנְּעוּרִים שֶׁאָז בְּוַדַּאי כְּשֶׁבָּא עָלָיו אֵיזֶה הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁעָבְרוּ רֹב שְׁנוֹתָיו וּצְרִיכִין לַחֲשֹׁב עַל סוֹפוֹ וְתַכְלִיתוֹ וְכוּ'. שֶׁאֲזַי תֵּכֶף מִתְגַּבֵּר עָלָיו הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד וּמִתְפַּשֵּׁט כְּנֶגְדּוֹ מְאֹד, וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחוֹ לָצֵאת מִתַּאֲווֹתָיו וְרִשְׁתָּיו אֲשֶׁר נִלְכַּד בָּהֶם ... וְעַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד בִּימֵי נְעוּרָיו שֶׁה' יִתְבָּרַךְ יַעַזְרֵהוּ לְאַחֲרִית טוֹב שֶׁלֹּא יִפֹּל מֵעֲבוֹדָתוֹ לְעוֹלָם, וְגַם עַד זִקְנָה וְשֵׂיבָה אֱלֹקִים אַל יַעַזְבֶנּוּ. וּכְמוֹ שֶׁבִּקֵּשׁ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם עַל זֶה אַל תַּשְׁלִיכֵנִי לְעֵת זִקְנָה כִּכְלוֹת כֹּחִי אַל תַּעַזְבֵנִי.

[נה] עיין כוכבי אור כרך שלישי אות מ"ד: נִתְעוֹרַרְתִּי לְהַכִּיר וּלְהִתְבּוֹנֵן בִּגְדֻלַּת אָבִי הָרַב רַבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִטָּאלְטְשִׁין, כִּי הוּא אֲשֶׁר אָמַר עָלָיו מוֹהֲרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בִּפְנֵי רַבִּי אַהֲרֹן בֶּן רַבִּי אַבְרָהָם חַיִּים מֵאוּמַן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: אֲנִי מֵכִין אֶת הַכֹּל עִם הָעֵט, וְאַחַר כָּךְ יִהְיֶה יְכֹלֶת גַּם לְרַבִּי נַחְמָן מִטָּאלְטְשִׁין לְהַנְהִיג הֲמוֹן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, אֲשֶׁר כִּנָּה אוֹתָם אָז בְּשֵׁם הַגַּלְגַּל. וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"אִיךְ גְרֵייט צוּא אַלְדִינְג מִיט דֶער פֶּען, דֶער נָאךְ וֶועט נַחְמָן טָאלְטְשִׁינֶער אוֹיךְ קֶענֶען פִירֶען עֶס רֶעדִיל". כִּי אַף עַל פִּי שֶׁמֵּחֲמַת שֶׁהָיָה יָתוֹם בְּלֹא אָב וְאֵם לֹא עָלָה כָּל כָּךְ בְּמַעֲלַת הַלִּמּוּד, אֲבָל גַּם הוּא קָרָא וְשָׁנָה הַרְבֵּה, מֵחֲמַת שֶׁהָעִקָּר הוּא הַשִּׁמּוּשׁ וְהַשְּׁקִידָה תָּמִיד עַל דַּלְתֵי הָרַב. וְלֹא נִמְצָא כְּלָל בְּכָל אַנְשֵׁי מוֹהֲרְנַ"תְּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שׁוֹקֵד עַל דַּלְתוֹתָיו כָּמוֹהוּ בְּעֵרֶךְ אַרְבָּעָה עָשָׂר שָׁנִים ... אֲבָל אֵין זֶה עוֹלֶה כְּלָל כְּנֶגֶד** הַדְּבֵקוּת וְהַשִּׁמּוּשׁ וְרִבּוּי הָעֲמִידָה לְפָנָיו שֶׁזָּכָה אָבִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה.

דער טשעהרינער רב פלעגט ווען הערן דיבורים פון ר' נחמן'ען, נישט נאר דיבורים נאר ער פלעגט וועלן הערן פון אים לערנען א שטיקל ליקוטי מוהר"ן. אז דער טשעהרינער רב איז געווען דארט האט דאך ר' נחמן נישט געוואלט (לדבר בפניו). האט דער טשעהרינער רב אים געזאגט אמאל: "אז איך הער פון אייך א דיבור, איז דאס מיר א פירוש אויפן ליקוטי מוהר"ן!" - אזוי האט דער רב געזאגט צו ר' נחמן'ען. דאס האט רבי נתן געמיינט טאקע - 'ער האט מער געפיל אינעם רבי'נס ספר'.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט: "פארוואס האט רבי נתן גענומען פונעם רבי'ן מיט שעפל מיט לעפל? ווייל ער איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע!"[נו]. 'שעפל און לעפל' דאס איז אַן אוקריייניש לשון, דאס הייסט, אסאך. "און פארוואס האט מיין טאטע גענומען פון רבי נתן'ען? ווייל ער איז געווען ביי זיך א שטיקל בלאטע!". ער פלעגט זאגן: "בלאטע בלאטע". דערפאר האט ער גענומען פון רבי נתן'ען 'מיט שעפל מיט לעפל'.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: "אז ר' נחמן האט געדאוונט מוסף, איז דער גאנצער ליקוטי הלכות געלעגן אין זיין דאווענען!".

ווען ר' נחמן איז נפטר געווארן, האבן זיי געזאגט: "מיר וועלן שוין אזא תפילה נישט הערן ביז משיח וועט קומען!"[נז].

ראש השנה האט ר' נחמן געדאוונט מוסף; נאכדעם האט געדאוונט ר' לייבעלע קאנסטאנטינער, און ר' נחמן נעמיראווער.

---

[נו] עי' חיי מוהר"ן אות של"ח, מאמר רביז"ל בשבח מוהרנ"ת ז"ל: "**דוּא זָאלְסְט אִים אָן קוּקְן אִיז עֶר אַ גְלַאט שְׁטִיקְל בְּלָאטֶע** וְכוּ'".

[נז] עיין כוכבי אור: וְהִתְעוֹרְרוּת הַצִּבּוּר מִתְּפִלָּתוֹ קָשֶׁה וְכָבֵד לְבָאֵר בִּכְתָב. וְהַגְּבִיר רַבִּי אַבָּא זַ"ל מִטְּשֶׁעהְרִין הוֹכִיחַ פַּעַם אַחַת לַחֲתָנוֹ אַבְרָהָם יֵיבִין אֲשֶׁר לֹא נָסַע לְאוּמֶין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וְאָמַר לוֹ **שֶׁאִם לֹא הָיִינוּ זוֹכִים בְּאוּמֶין רַק לִשְׁמֹעַ תְּפִלַּת רַבִּי נַחְמָן שֶׁבְּמוּסַף רֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם־כֵּן כְּדַאי לִנְסֹעַ**. וְכָל אַנְשֵׁי אוּמֶין, אֲפִלּוּ הַמִּתְנַגְּדִים, הָיוּ נִבְהָלִים וּמִשְׁתּוֹמְמִים בְּשָׁמְעָם אֶת נְגִינָתוֹ וּתְפִלָּתוֹ.

מען רעדט דאך דעם דיבור וואס אונזערע לייט האבן געזאגט: "מיר וועלן שוין אזא מוסף נישט הערן ביז משיח וועט קומען!". איך האב געהערט פון ר' יודל'ען - ר' נחמן (טולטשינער'ס) עלטערער איידעם - ר' יצחק בער'ס[נח] א זון. ר' נחמן האט געהאט פון זיין זיווג ראשון איין טאכטער, האט ער זיך משדך געווען מיט ר' יצחק בער'ן - און דער ר' יודל איז געווען ר' יצחק בער'ס א זון, ער האט געוואוינט אין באבריניץ, איך האב אים געקענט גוט. פלעגט ער אונטערהעלפן ר' נחמן'ען (ביים דאווענען מוסף פארן עמוד). האט ער געזאגט: "אזוי ווי א לאקאמאטיוו קאכט - אזוי האט דער שוועד געקאכט!". א לאקאמאטיוו דאס איז דער ערשטער וואגאן וואס פירט דער גאנצער באן.

"אזוי ווי א לאקאמאטיוו קאכט - אזוי האט דער שוועד געקאכט ביים עמוד!". דער גאנצער ליקוטי הלכות איז געלעגן אין אים, דאס האט פון אים ארויסגעדאווענט, און ער איז געווען א שטיקל בלאטע ביי זיך. דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן.

❖

## "והוא הסתכל וחזה בי"

"וְזֶהוּ מַעֲלַת הַזּוֹכֶה לִרְאוֹת אֶת עַצְמוֹ עִם הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, שֶׁהוּא חֲכַם הַדּוֹר, בְּחִינַת חָכָם הַכּוֹלֵל כַּנַּ"ל. כִּי עַל יְדֵי שֶׁזֶּה הֶחָכָם הַכּוֹלֵל רוֹאֶה אוֹתוֹ וּמִסְתַּכֵּל בּוֹ, עַל יְדֵי זֶה מִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ".

עס שטייט טאקע אין ימי מוהרנ"ת[נט], פאר דעם רבי'נס הסתלקות האט דער רבי אסאך געקוקט אויף רבי נתן'ען, האט דאך רבי נתן געקוקט אויפן רבי'ן אויך. די

---

[נח] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת.

[נט] חלק ראשון אות ס', וזל"ש: וְעָמַדְתִּי לְפָנָיו בְּאוֹתוֹ הַלַּיְלָה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁל יְמֵי חַיָּיו כַּמָּה שָׁעוֹת רְצוּפִים אֲנִי לְבַדִּי, מִן אַחַר חֲצוֹת לַיְלָה עַד אוֹר הַיּוֹם אֲבָל לֹא זָכִיתִי לִשְׁמֹעַ מִמֶּנּוּ שׁוּם שִׂיחָה ... וְעָמַדְתִּי לְבַדִּי לְפָנָיו אָז בְּאוֹתָהּ הַלַּיְלָה **וְהוּא הִסְתַּכֵּל וְחָזָה בִּי בְּעֵינָיו הַנּוֹרָאִים הַרְבֵּה**, וְכָל הִסְתַּכְּלוּת שֶׁלּוֹ, שֶׁהִסְתַּכֵּל בִּי הָיָה כְּמוֹ דִּבּוּרִים מַמָּשׁ וַאֲנִי מֵבִין עַתָּה כַּמָּה הִתְחַזְּקוּת וְכַמָּה עִנְיָנִים מֵהִסְתַּכְּלוּתוֹ בִּי אָז וּבְכָל עֵת שֶׁעוֹבֵר עָלַי, חַס וְשָׁלוֹם, מַה שֶּׁעוֹבֵר, בִּכְלָל וּבִפְרָט, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּנִפְלְאוֹתָיו מַצִּילֵנִי מִכֻּלָּם, אֲנִי מֵבִין, שֶׁהַכֹּל הָיָה מְרֻמָּז בְּהִסְתַּכְּלוּתוֹ כִּי הִסְתַּכְּלוּתוֹ הָיְתָה כִּמְדַבֵּר עִמִּי עַל מִי אַתָּה נִשְׁאָר עִם כָּל הָאוֹצָרוֹת הַגְּנוּזִים אֶצְלְךָ וּמַה יִּהְיֶה נַעֲשֶׂה עִמְּךָ, כִּי רַבִּים יַעַמְדוּ עָלֶיךָ וּמַה יַּעֲשֶׂה חָלוּשׁ כָּמוֹךָ

ביידע חזיונות איז דעמאלט געווען - דער רבי האט אויף אים אסאך געקוקט, און רבי נתן האט דאך געקוקט אויפן רבי'ן. דער רבי זאגט דאך: "וזהו מעלת הזוכה לראות את עצמו עם הצדיק". דעמאלט איז געווען די ביידע חזיונות, ער האט געקוקט אויף אים אסאך, דאס איז נישט געווען נאר א קוק געטוהן, נאר דעמאלט האט ער אים געגעבן דאס התמנות, מיט דעם "ואתה תחזה" האט ער אים געגעבן דעם כח; וואספארא סארט כח רבי נתן האט אין זיך, דעמאלט האט ער דאס אים געגעבן.

דער רבי זאגט דא: "כי על ידי שזה החכם הכולל רואה אותו ומסתכל בו על ידי זה מתנוצץ מוחו" - עס הויבט אָן שיינען זיין מח. דער רבי האט דאך אויף אים אזוי לאנג געקוקט, דאס איז נישט קיין קלייניקייט, ער האט דאך מקבל געווען 'פי שנים'.

רבי נתן האט געזאגט טאקע קעגן שפלות: "ווען די צדיקים וואס איך ווייס [אז זיי זענען צדיקים], אויב זיי האבן ווען דעם לב נשבר וואס איך האב, ווייס איך נישט וואו וועט זיך נעמען פאר זיי עולם הבא!"; צו אַן אנדער לשון: "ש"י עולמות איז פאר זיי קארג!" - עס איז דא עטליכע לשונות ווי אזוי רבי נתן האט דאס געזאגט.

האט ער אנגעכאפט - 'לב נשבר'. מיט דאס אים 'אנקוקן' האט דער רבי אים (אריינגעגעבן) אזא מין לב נשבר, דאס איז דאך א מין שפלות, אט דאס האט אים טאקע אריינגעגעבן די מוחין.

❖

## דער באהאלטענער סופר

דער רבי האט געזאגט, ער האט א סופר וואס ער וואלט געוואלט אז אונזערע לייט זאלן האבן זיינע פרשיות, נאר וואס דען, ער האט מורא אז דער סופר וועט

---

וְכוּ' וְכוּ' כָּאֵלֶּה וְכָאֵלֶּה וְיָתֵר מִזֶּה מַה שֶּׁאֵינִי יוֹדֵעַ בְּעַצְמִי הַכֹּל הָיָה מְרֻמָּז בְּהִסְתַּכְּלוּתוֹ שֶׁהִסְתַּכֵּל בִּי הַרְבֵּה הַרְבֵּה בְּכַוָּנָה בְּאוֹתָהּ הַלַּיְלָה וְכָל הִסְתַּכְּלוּת וְהִסְתַּכְּלוּת שֶׁהִסְתַּכֵּל בִּי אָז הָיָה שׁוֹהֶה בּוֹ אֵיזֶה שָׁעָה רְצוּפָה.

באקומען אביסל (גיאות)[ס]. האט זיך דער טירהאוויצער מגיד צוגעטשעפעט צום רבי'ן און דער רבי האט אים געזאגט ווער דער סופר איז - **"דער סופר געפינט זיך אין יאלסיוועט [- דאס איז לעבן באברינייץ], און 'אזוי' הייסט ער!".**

איז דער טירהאוויצער מגיד צוגעפארן צו אים. יאלסיוועט איז געווען א שטאט פון סופרים, מען האט דארט ארויסגעגעבן כתיבה - א וועלט, ערליכע אידן. און דער סופר איז געווען א גארנישט. דער טירהאוויצער מגיד איז אריינגעקומען און זיך נאך געפרעגט אויף דעם סופר. (ותמהו שם:) **"דא פרעגט איר אויף דעם סופר? דא איז דאך דא אזעלכע סופרים מובהקים?"**, (אבל הוא התעקש:) **"ניין, וואו איז דער סופר?"** (עד שהראו לו:) **"דארטן וועסטו אים געפינען!".**

איז ער אריינגעקומען דארטן, דער סופר איז געזעצן מיט דעם פנים צו דער וואנט - **"וואס וויל א איד?"** - **"איך דארף האבן א פּאָר פרשיות!". זאגט ער: "ביי מיר איז פרשיות טייער - עס קאסט א רענדל א פּאָר פרשיות!"** האט ער ארויסגענומען א רענדל און אוועקגעלייגט. (אמר הסופר:) **"שפעטער מיט דריי טעג וועט איר קומען, וועט איר טרעפן די פרשיות!"** - אזוי אלץ מיט דעם פנים צו דער וואנט, ער דרייט זיך נישט אויס - דער סופר.

ער איז אריין שפעטער מיט דריי טעג, איז שוין געלעגן די פרשיות. ווייטער האט דער מגיד אים נישט געזעהן. איז ער געקומען צום רבי'ן, האט ער געבראכט די פרשיות. האט דער רבי זיי גענומען - **"אַה!"** - אזוי ווי איינער קוויקט זיך. (ואמר לו רבינו:) **"זאלסטו דאווענען מיט זיי נאר ראש חודש!".**

דער רבי האט אים געהייסן אז ער זאל דאווענען מיט די תפילין נאר ראש חודש.

האט ר' אברהם ר' נחמן'ס געזאגט, ווען רבי נתן זאל ווען בעטן דעם רבי'ן וואלט דאך אים דער רבי אויך געזאגט ווער דער סופר איז - פארוואס האט רבי נתן נישט

---

[ס] חיי מוהר"ן תקי"א: **אָמַר שֶׁהוּא יוֹדֵעַ מִסּוֹפֵר אֶחָד שֶׁהוּא צַדִּיק גָּנוּז**, וְרָצָה רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ תְּפִלִּין מִמֶּנּוּ וְאָמַר שֶׁהוּא רוֹצֶה לִנְסֹעַ אֵלָיו בְּעַצְמוֹ וְלִקַּח מִמֶּנּוּ כַּמָּה זוּגוֹת תְּפִלִּין, כִּי צְרִיכִין לִנְסֹעַ אֵלָיו בְּחָכְמָה בְּאֹפֶן שֶׁלֹּא יָבִין שֶׁבָּאוּ אֵלָיו בִּשְׁבִיל זֶה **כְּדֵי שֶׁלֹּא יִהְיֶה נִלְכָּד חַס וְשָׁלוֹם בְּאֵיזֶה צַד גֵּאוּת**, וכו' עיי"ש.

געבעטן דעם רבי'ן? ווייל עס איז געווען אמאל א נסיעה וואס דער רבי האט נישט מיטגענומען די טלית ותפילין, האט דער רבי געדאווענט מיט רבי נתן'ס תפילין. האט רבי נתן געזאגט, 'ווייל דער רבי האט געדאווענט מיט זיינע תפילין - וויל ער נישט בייטן!' - עס איז העכער ווי דעם סופר'ס... אז ער האט נישט געוואלט בייטן, האט ער נישט געבעטן דעם רבי'ן ער זאל אים זאגן ווער דער סופר איז.

רבי נתן בייטלמאכער האט מיר געזאגט אז ער האט געהאט די פרשיות פון ר' יצחק אייזיק יוסל (זקינו), נאר זיי זענען פארבליבן אין אלט-שטאט - עס איז פארפאלן געווארן זיינע תפילין. ר' יצחק אייזיק יוסל איז געווען ר' פנחס יהושע'ס טאטע.

❖

## "ינוח ראשך על מקומך"

ר' נחמן טולטשינער איז אמאל געפארן אין וועג צוזאמען מיט רבי נתן'ען - אמאל איז מען דאך געפארן גאנצענע נעכט מיט גאנצענע טעג, האט רבי נתן עפעס א דרימל געגעבן אינמיטן וועג, איז אים אראפגעפאלן דאס היטל - ער איז נאר פארבליבן מיט דעם יארמולקע, האט ר' נחמן געגעבן א קוק וואס דא טוהט זיך - מען וועט דאך באלד אריינקומען אין שטאט אריין; נאר מיט דעם יארמולקע - איז דאך עס נישט שיין, האט ער געהייסן אפשטעלן די פערד און ער איז אראפ, מסתמא האט ער געבעטן דעם אויבערשטן - און ער האט געפונען דאס היטל, האט ער דאס אפגעבראכט רבי נתן'ען. האט רבי נתן אים געזאגט אזא סארט לשון: "ינוח ראשך על מקומך". רבי נתן האט אים געגעבן א ברכה - "ינוח ראשך", ער האט רבי נתן'ען זייער מחיה געווען.

(והפטיר ר' אברהם ב"ר נחמן:) **"האט דער טאטע געהאט א ברכה פון רבי נתן'ען 'ינוח ראשך על מקומך'!".**

די חכמה פון ר' נחמן'ען איז געווען געוואלדיג! וויפיל ער איז געווען אַן 'איש תם' איז ער געווען א געוואלדיגער חכם.

"וְעַל יְדֵי שֶׁמִּתְנוֹצֵץ מֹחוֹ, עַל יְדֵי זֶה מְקַבֵּל גְּדֻלָּה, כִּי עִקַּר הַגְּדֻלָּה הוּא עַל יְדֵי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ כַּנַּ"ל. כִּי עֵינַיִם עַל שֵׁם הַחָכְמָה נֶאֱמַר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית ג): 'וַתִּפָּקַחְנָה עֵינֵי שְׁנֵיהֶם', וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'עַל שֵׁם הַחָכְמָה נֶאֱמַר'. וְעַל כֵּן עַל יְדֵי שֶׁזֶּה הֶחָכָם, שֶׁהוּא מֹחַ הַכּוֹלֵל, מִסְתַּכֵּל בּוֹ, עַל יְדֵי זֶה מֵאִיר בּוֹ חָכְמָה וּמֹחִין, וּמִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה מְקַבֵּל גְּדֻלָּה כַּנַּ"ל. כִּי כָל אֶחָד וְאֶחָד יֵשׁ לוֹ אֵיזֶה מֹחַ וָדַעַת לְפִי מַדְרֵגָתוֹ. אֲבָל הַמֹּחַ וְהַדַּעַת שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד הוּא מֻנָּח בְּקַטְנוּת, וְאֵינוֹ מִתְנוֹצֵץ, וְעַל יְדֵי שֶׁמִּסְתַּכֵּל בּוֹ הֶחָכָם הַדּוֹר, שֶׁהוּא מֹחַ הַכּוֹלֵל, עַל יְדֵי זֶה מִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ".

דער רבי כאפט אָן, 'וועדליג מדריגת מוחו, הויבט זיין מח אים אָן שיינען'. מען זעהט, ביי משה רבינו איז געווען א 'שר האלף', א 'שר המאה', זיין מח הויבט אים אָן שיינען, ער גיט אים נישט קיין הויכער מח, נאר זיין מח הויבט אָן שיינען. יעדער איינער האט דאך עפעס א מח וועדליג זיין מדריגה, נאר עס שלאפט, אבער צו האבן א שענערן מח דארף ער הארעווען - איז דער מח וואס ער האט, שיינט אים.

יעדער איינער האט דאך עפעס א שטיקל מח, "כֻּלָּם בְּחָכְמָה עָשִׂיתָ", ער טוהט דאך עפעס מצוות ומעשים טובים, נאר דער מח שלאפט, ער ליגט אין קטנות, אבער אז דער צדיק גיט אויף אים א קוק, איז אין וואספארא מדריגה ער האלט נאר דעמאלט, שיינט אים דער מח. און אז ער וועט גיין העכער אויף א העכערע מדריגה, האט ער א שענערן מח, וועט אים מער שיינען. ער טוהט דאך פול מיט מצוות, ער האט דאך עפעס א שטיקל מח, נאר דער מח שלאפט, איז אז דער צדיק גיט א קוק, הויבט אָן שיינען זיין מח. עטליכע מאל זאגט דער רבי "כפי מדריגת מוחו". אז נישט קומט דאך אויס אז ווען משה האט א קוק געגעבן, וואלט דאך יעדער איינער געדארפט ווערן א 'שר האלף'? זעהט מען דאך - ניין, נאר יעדער איינער וועדליג זיין מח וואס ער האט געהאט, האט ער געשיינט.

"וְעַל יְדֵי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ מְקַבֵּל כָּל אֶחָד גְּדֻלָּה כְּפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ".

רבי נתן האט אים געזאגט: "ינוח ראשך על מקומך" - אויף דיין ארט. דאס איז א געוואלדיגע זאך אז דער מח זאל ליגן אויפן ארט. דער רבי ברענגט אין דער תורה

"בראשית - לעיני כל ישראל"[סא], די שכינה קלאגט אויף דעם וואס מען איז 'אינם על מקומם'. יעדער איינער איז נישט אויפן ארט - מען איז נישט אויף דעם ארט וואו מען דארף זיין. דער עיקר איז דער מח - דער מח איז נישט אויף דעם ארט וואו ער דארף זיין. דער מח פירט דאך דעם גאנצן מענטש.

"כִּי עִקַּר הַגְּדֻלָּה הִיא עַל יְדֵי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ כַּנַּ"ל".

מען האט דאך עפעס א מח - הויבט דער מח אָן שיינען, אבער צו האבן א העכערן מח, דארף מען זיין אויף א העכערע מדריגה, טאקע מער ליגן אין תורה ותפילה און גמילות חסדים.

❖

## בלויז א קוק געגעבן

"וְעַל כֵּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, שֶׁהוּא הָיָה הַדַּעַת הַכּוֹלֵל שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, עַל כֵּן עַל יְדֵי רְאִיָּתוֹ לְבַד, שֶׁהָיָה מִסְתַּכֵּל בְּתוֹךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד, עַל יְדֵי זֶה הָיָה יָכוֹל לְחַלֵּק הַגְּדֻלָּה וְהַשְּׂרָרָה לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כָּרָאוּי לוֹ לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ.

דער מדרש ברענגט[סב], ווען דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו האט ער א קוק געגעבן אויף אים: "יא, דו ביסט ראוי צו זיין דער מנהיג!" - דו ביסט ראוי אז דורך דיר זאל זיין יציאת מצרים. א קוק - 'דו ביסט ראוי!'.

ר' גרשון קיטעווער ווען ער איז געקומען קיין ירושלים האט ער געוואלט זיין אין דער ישיבה פון דעם אור החיים הקדוש, אבער עס איז געווען א ישיבה וואס קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם; דער אור החיים האט געהאט א ישיבה פון נגלה - ער איז געווען א גרויסער גאון, און ער האט געהאט א ישיבה פון נסתר פאר

---

[סא] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ס"ז.

[סב] מדרש רבה פר' שמות פר' ב', פס' ו': וַיַּרְא ה' כִּי סָר לִרְאוֹת. **כֵּיוָן שֶׁהִבִּיט בּוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אָמַר נָאֶה זֶה לִרְעוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל.**

מקובלים וואס קיינער האט נישט געוואוסט וואו די ישיבה איז - נאר דער וואס האט דארטן געלערנט דער האט געוואוסט.

אז ער איז געקומען אהינצו צו דער מערה, שטייט דארטן א שומר און לאזט נישט אריין. זאגט ער: "פון וואנעט ווייסטו אז דא איז א ישיבה?", זאגט ער: "איך ווייס דאך - איך בין דאך געקומען!" 'גייט זאגט אים אויפן נאמען ווער איך בין, און אז איך בין דער שוואגער פון ר' ישראל בעל שם!'. איז אליין ארויסגעקומען דער אור החיים הקדוש און האט געגעבן א קוק אויף אים פון אויבן ביז אראפ: "יא, דו ביסט ראוי צו לערנען אין מיין ישיבה!". א קוק פון אויבן ביז אראפ - האט ער שוין געזעהן ווער ער איז.

(ואמר לו על הבעש"ט:) "איך קען אים, איך קען אים!". דערנאך האט ער געהאט תערומות פארוואס ער האט געזאגט סתם 'ר' ישראל בעל שם' - "דו וואלסט ווען געדארפט זאגן רבי ישראל בעל שם 'טוב'!".

האט ער מיט א קוק אויף אים שוין געזעהן ווער ער איז... - 'דו ביסט ראוי צו לערנען אין מיין ישיבה!'.

"וְזֶה בְּחִינַת (שמות יח): "וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל הָעָם, וְשַׂמְתָּ עֲלֵיהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת" וְכוּ'. 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה' דַּיְקָא, כִּי עַל יְדֵי הָרְאִיָּה לְבַד שֶׁל משֶׁה רַבֵּנוּ, שֶׁהָיָה רוֹאֶה וּמִסְתַּכֵּל בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד, הָיָה מִתְנוֹצֵץ מֹחוֹ שֶׁל כָּל אֶחָד, וְעַל יְדֵי זֶה קִבֵּל כָּל אֶחָד וְאֶחָד גְּדֻלָּה וּשְׂרָרָה כְּפִי עֶרְכּוֹ, כְּפִי הָרָאוּי לוֹ לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ, דְּהַיְנוּ בְּחִינַת 'שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי מֵאוֹת' וְכוּ'".

אז מען איז געקומען צום רבי'ן האט דאך דער רבי יעדן איינעם אנגעקוקט, דער רבי האט דאך יעדן איינעם געזעהן, האט ביי יעדן איינעם געשיינט דער מח זיינער.

❖

# "אברהמ'ל, ווער האט אויסגעפירט?"

"וְזֶהוּ: 'וְאַתָּה תֶחֱזֶה וְכוּ' וְשַׂמְתָּ עֲלֵיהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים' וְכוּ', כִּי עַל יְדֵי שֶׁיֶּחֱזֶה מֹשֶׁה וְיִסְתַּכֵּל בָּעָם, עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ הוּא מֵשִׂים אוֹתָם 'שָׂרֵי אֲלָפִים' וְכוּ', כִּי עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ בָּהֶם מְקַבֵּל כָּל אֶחָד גְּדֻלָּתוֹ, עַל יְדֵי הִתְנוֹצְצוּת מֹחוֹ שֶׁמִּתְנוֹצֵץ עַל יְדֵי הַהִסְתַּכְּלוּת שֶׁמִּסְתַּכֵּל בּוֹ חֲכַם הַדּוֹר, בְּחִינַת מֹשֶׁה כַּנַּ"ל. וְגַם מֹשֶׁה הָיָה יָכוֹל לְצַוּוֹת, שֶׁזֶּה יִהְיֶה שַׂר אֶלֶף וְזֶה שַׂר מֵאָה וְכוּ', כִּי עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ בָּהֶם הָיָה יוֹדֵעַ הַגְּדֻלָּה הַמַּגִּיעַ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד, כִּי עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ הָיָה יוֹדֵעַ הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ שֶׁל כָּל אֶחָד, אֲשֶׁר כְּפִי הִתְנוֹצְצוּת הַמֹּחַ כֵּן מַגִּיעַ לוֹ גְּדֻלָּה כַּנַּ"ל".

(ר' משה: עס איז נישט טאפלט? פריער זאגט ער שוין אז ער גיט זיי די גדולה, וואס איז דער 'וגם'?)

"לצוות" - ער קען אפילו אָנזאגן - 'אזוי זאל זיין!'. פריער איז דער פשט, מיט דעם קוק האט יענער געוואוסט 'וואס' (- מה מדריגתו); איז עס קען זיין אז ער ווייסט, אבער ער וויל נישט. 'לצוות' איז נאך מער, ער קען טאקע זאגן - עס זאל זיין אזוי.

מען זעהט דאך, עס איז געווען אזעלכע מקורבים ביים רבי'ן וואס דער רבי האט זיי געזעהן און דער רבי האט געוואוסט ווער זיי זענען און דער רבי האט זיי געזאגט (איזה משרה שייכת להם) - און זיי האבן נישט געפאלגט.

דער רבי האט געזאגט צו ר' חייקל'ען (שיקבל עליו משרת החזנות, ואז:) "דו וועסט זיין א חידוש אין דיין זאך [- אין נגינה] - אזוי ווי איך אין מיין זאך!". און ר' חייקל האט נישט געפאלגט, ער האט נישט געוואלט זיין קיין חזן, ער האט געוואלט זיין א סוחר. ער איז געווען א כלי, פון די ערשטע מקורבים פון דעם רבי'ן, ער האט געגעבן א פלייצע פארן רבי'ן, ער איז מקורב געווארן צום רבי'ן נאך אין מעדוועדיווקע, באלד ביים אנהויב.

אמאל איז רבי נתן געווען דארטן אין קראקע, [דארטן אין קרימענטשוק איבער דער בריק הייסט עס קראקע], און ר' חייקל איז דארטן געווען, ער האט געהאט דארטן קינדער, עס איז געווען חנוכה צייט. האט חייקל נאך געזאגט מיט אזא לשון ווי איינער זאגט מיט א מין זילזול: "דער רבי האט מיר געהייסן זיין א חזן, וואלט איך איצטער געדארפט ארומגיין מיט א לאָמטער (- לאמטערנע) נעמען חנוכה

**געלט!"**. [אמאל חנוכה פלעגט זיין דארטן דער מנהג אז דער חזן פלעגט גיין מיט א לאָמטער צו די בעלי בתים נעמען חנוכה געלט און מען האט אים מהנה געווען]. האט רבי נתן אים געזאגט: **"און נאך** (אלץ) **האסטו נישט קיין חרטה וואס דו האסט נישט געפאלגט דעם רבי'ן?!"**.

**ער האט געוואוסט ווער דער רבי איז, ער האט גוט געקענט דעם רבי'ן - און ער האט נישט געפאלגט...**

אזוי אויך, ר' אברהם פעטערבורגער-באַרדיטשובער, איידער רבי נתן איז מקורב געווארן פלעגט ער שרייבן די תורות ביים רבי'ן. ער האט געהאט געוואלדיגע כשרונות אין כתיבה, ער האט געשריבן צום קיסר, געווען א געוואלדיגער שרייבער, א מענטש מיט כשרונות, א וועלטליכער מענטש. האט אים דער רבי אמאל געזאגט: "אברהם, איך וויל אז דו זאלסט זיין א **מקבל!"**. איז ער געווארן ברוגז אויפן רבי'ן - ער איז צוויי יאר נישט געפארן צום רבי'ן - 'דער רבי זאגט אים אז ער וועט ווערן אַן ארעמאן, א מקבל?!' - **ער האט דאך אזעלכע כשרונות...**

עס איז אוועקגעגאנגען א צוויי יאר, ער האט געהאט א הייזל - און דאס הייזל איז אים איינגעפאלן, עס איז פארברענט געווארן, ער איז געווארן אַן ארעמאן, א קבצן, א שלעפער. איז ער שוין געקומען צום רבי'ן.

ער האט געמיינט אז אויב ער וועט נישט קומען צום רבי'ן וועט דאס נישט מקויים ווערן, ער וועט נישט דארפן זיין א מקבל, אבער עס איז יא מקויים געווארן, איז ער געקומען צום רבי'ן.

זאגט אים דער רבי: "אברהמ'ל, ווער האט אויסגעפירט - **איך צו דו?! אז דו וועסט מיך איצטער פאלגן וועסטו זיין א בכבוד'יגער מקבל, אז נישט - וועסטו זיין א פארזשאווערטער מקבל!"**. און ער האט ווייטער נישט געפאלגט[סג].

ר' מרדכי באַבריניצער ע"ה האט נאך פארכאפט דעם ר' אברהמ'ל, האט ער דערציילט, ער פלעגט ארומגיין און מען האט אים נישט געוואלט געבן קיין געלט...

---

[סג] מובא בכוכבי אור, בחלק 'ראשי פרקים מן האותות והמופתים שנראו מאדמו"ר זצ"ל', אות ג'.

מען האט דאך געוואוסט אז ער איז ביים רבי'ן געווען, ער האט דאך געשריבן תורות ביים רבי'ן, ער איז געווען זייער חשוב ביים רבי'ן, וואס הייסט מען וויל אים נישט געבן? נאר אזוי האט אים דער רבי געזאגט - 'ער וועט זיין א פארזשאווערטער מקבל!'.

ער האט אליין נאכדעם מודה געווען: "איך האב נישט געפאלגט דעם רבי'ן!".

(ר' יוחנן גאלאנט: "דער רבי האט מיר נאר געזאגט אז מען וועט מיר נישט רופן 'ר' חייקל', אבער 'חייקל שייגעץ'? - דערויף האב איך נישט געטראכט!) יא יא; ר' חייקל האט אמאל געדארפט קויפן א פיר האלץ, האט מען זיך געקריגט דארטן, מען האט זיך נישט געקענט אויסגלייכן מיט דעם פרייז, האט יענער געזאגט: "חייקל שייגעץ". האט ער געזאגט: "דער רבי האט מיר נאר געזאגט אז איך וועל נישט זיין 'דער חידוש' - מען וועט מיר נישט רופן 'ר' חייקל', אבער 'חייקל שייגעץ'?!"...

דער רבי האט זיי אנגעקוקט, און זיי האבן אנגעקוקט דעם רבי'ן, און זיי האבן געהאט בחירה נישט צו פאלגן.

"משה היה יכול לצוות" - ער קען אנזאגן. פארוואס? דער רבי האט קיינמאל נישט געזאגט (באופן) אז ער זאל נייטן יענעם. ער קען טאקע 'לצוות' - אבער ער טוהט עס נישט, ער לאזט איבער בחירה; ער זאגט אים אזעלכע ווערטער - 'דו וועסט זיין א חידוש אין דיין נגינה - ווי איך' (וכו'), דערנאך האט ער ווייטער בחירה - דו ווילסט נישט פאלגן - פאלג נישט.

ר' ישראל נעמיראווער האט אים דער רבי אנגעווינקען אז ער וויל נישט אז ער זאל פאָרן אננעמען דעם "פודראד" פון דעם (צושטעלן תבואה פארן לאנד) - און (ער איז יא געפארן קיין מאסקאווע)[סד].

דער רבי זאגט טאקע - ער קען מצַוה זיין, ער קען טאקע זאגן אז ער וויל אז עס זאל אזוי, אבער דער רבי האט נישט געזאגט.

❖

[סד] עיין כוכבי אור שם אות מ'.

# "געוואלד, איך האב נישט מיט וועמען צו רעדן!"

(שואלים: ווי קומט דאס טאקע אז מענטשן וואס ווייסן זיין גרויסקייט און הערן קלאר פון אים וואס ער הייסט - און זיי פאלגן אים נישט? ווען אונז הערן ווען פון דעם רבי'ן אליין וואלטן מיר דען אים נישט געפאלגט?) מיר מאלן זיך אזוי אויס; פארוואס? ווייל איצטער איז נאר דא די נשמה פונעם רבי'ן; דער גוף פונעם רבי'ן איז געווען א מניעה צום (זעהן זיין) גרויסקייט!

מיר רעדן פון ר' אברהם ר' נחמנ'ס, ער איז געווען א קראנקער מענטש, ער האט געדארפט האבן הייסע טיי, איז דער גוף געווען א מניעה צו (זעהן) זיין גרויסקייט. עס איז געווען איינער פון די זקנים, האט ער געזאגט: "איך האב אים געקענט - ער האט געטרונקען הייסע טיי"... - שוין. דער גוף איז געווען א מניעה צו זיין גרויסקייט. בשעת עס איז דא א גוף - דער גוף איז טאקע הייליג, פונדעסטוועגן איז דער גוף א מניעה צו דער נשמה (לראות גדולתה). איצטער רעדן מיר נאר פון דער נשמה אליין, פון דאס אלקות.

ביי די הייסע טיי איז אזעלכע חידושים גערעדט געווארן... ווען מען איז געזעצן ביי אים האבן מיר געזעהן ווי ער האט געוואלדיגע שמערצן פון די חולי מעיים. נאר אז ער האט געטרונקען הייסע טיי - (איז אים אביסל גרינגער געווארן).

ער האט געהאט ברוך ה' גוטע תלמידים, עובדי ה' - צדיקים האט ער איבערגעלאזט.

און אזוי ווי מיר האבן גערעדט וועגן ר' אברהם'ען - אזוי איז געווען ביי רבי נתן'ען, דער גוף איז א מניעה (און א הסתרה) צו זיין גרויסקייט. ווער שמועסט נאך ווען דער צדיק אליין וויל זיך פארשטעלן.

וואס איז געווען ביי רבי נתן'ען? ווען עס איז געווען א רבי נתן אין א גוף, איז שוין געווען (א הסתרה)!

זי, גיטעלע[סה], האט מיר אמאל געזאגט: "מען רעדט נאר פון ר' ישראל קארדונער - פון רבי נתן בייטלמאכער רעדט מען נישט; מען ווייסט נישט ווער ער איז געווען - רבי נתן!".

דו האסט דאך געקענט ר' שלמה גבריאל'ן פון פוילן, ער איז געווען א געוואלדיגער עובד ה' און א למדן א גרויסער, א געוואלדיגער עובד, אזעלכע עבודות - א געוואלד, ממש א געוואלד זיינע עבודות. און ער איז געקומען צו פארן (קיין אומאן) תרע"ט - ער איז אנגעקומען נאך ראש השנה; עפעס אינמיטן וועג האט ער נישט געקענט קומען, איז ער געקומען נאך ראש השנה. אז ער איז געקומען צו פארן, איז שוין ר' אברהם נישט געווען (נסתלק), איז ער ארומגעגאנגען ממש אז מען האט געמיינט אז דער מענטש וועט אראפגיין פון זינען. ער האט געזאגט: "איך בין געקומען, איך האב אזוי פיל צו רעדן מיט ר' אברהם'ען - און איך האב אים נישט געטראפן; געוואלד! איך האב נישט צו וועמען צו רעדן!".

אז ר' אברהם האט געהאט אזא איד, האט ער גערעדט, ער האט געוואוסט מיט וועמען צו רעדן.

אין פוילן איז געווען דער ביאלער רב[סו], ער האט גע'שם'ט פאר א בעל רוח הקודש, טאקע א געוואלדיגער מענטש געווען, ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט רעדן זייער די גרויסקייט פון דעם רב. ווען ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געווען (אין פוילן), פלעגט ער זיין אין ביאלע ביי דעם רב - פאר אים האט ער שוין גערעדט. דער רב האט געהאט א געוואלדיגן געפיל אין דעם רבי'נס זאך. מען האט געהאלטן אין פוילן פון אים שטארק, אלע רבי'ס אין פוילן האבן געציטערט פאר אים - 'דער ביאלער רב!' - א קליין שטעטעלע ביאלע.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט טאקע: "אין ביאלע איז דא א רב - איז ער א גדול, האט ער א גרויסן געפיל אין רבי'נס זאך!". ער איז נישט געווען קיין רבי

---

[סה] בזיווו"ר היתה אשת ר' ישראל קארדונער, ובזיווו"ש - של ר' נתן בייטלמאכער.

[סו] ה"ה הרה"ק ר' שמואל ארי' לייב ז"ק זצ"ל, מחבר ספר רמזי חכמתא. תלמיד בעל השו"ת שואל ומשיב - בנגלה. ומבעל החידושי הרי"ם - בחסידות, ועוד. נסתלק ג' טבת שנת תרצ"ב.

- ער איז געווען א רב, א גרויסער מקובל און א גרויסער מענטש געווען. ר' אברהם פלעגט תמיד זיין אין ביאלע און רעדן מיט אים; אז ער האט געהאט מיט וועמען צו רעדן - האט ער גערעדט!; ער האט נישט גערעדט מיט מיר וואס ער האט גערעדט מיטן ביאלער רב.

❖

## 'ראיית פני הצדיק' היינטיגע צייטן

"וַאֲזַי כְּשֶׁמְּקַבֵּל כָּל אֶחָד גְּדֻלָּה כְּפִי הָרָאוּי לוֹ בֶּאֱמֶת לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ, עַל יְדֵי שֶׁיֵּשׁ מַנְהִיג אֲמִתִּי בְּחִינַת משֶׁה, שֶׁיָּכוֹל לְחַלֵּק הַגְּדֻלָּה לְכָל אֶחָד כָּרָאוּי לוֹ עַל יְדֵי הִסְתַּכְּלוּתוֹ לְבַד, אֲזַי יוֹדֵעַ כָּל אֶחָד מֵהַשָּׂרִים וְהַמַּנְהִיגִים שֶׁל יִשְׂרָאֵל לְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא כְּפִי הָרָאוּי לוֹ לְפִי מַדְרֵגַת מֹחוֹ, לֹא פָּחוֹת וְלֹא יוֹתֵר. כִּי מֵאַחַר שֶׁכָּל אֶחָד עוֹמֵד עַל מְקוֹמוֹ הָרָאוּי לוֹ בֶּאֱמֶת, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּשׁ לוֹ שְׂרָרָה וּגְדֻלָּה כְּפִי הָרָאוּי לוֹ בֶּאֱמֶת כַּנַּ"ל, עַל כֵּן כָּל אֶחָד יוֹדֵעַ לְפִי גְּדֻלָּתוֹ וְהִתְמַנּוּתוֹ אֵיךְ וְכַמָּה הוּא צָרִיךְ לְחַדֵּשׁ בַּתּוֹרָה, וּבִפְנֵי כַּמָּה אֲנָשִׁים הוּא צָרִיךְ לוֹמַר תּוֹרָה, כִּי זֶה שֶׁמְּמֻנֶּה עַל אֶלֶף מִיִּשְׂרָאֵל, דְּהַיְנוּ שַׂר הָאֶלֶף, הוּא צָרִיךְ לוֹמַר תּוֹרָה בִּפְנֵי אֶלֶף אֲנָשִׁים, וְכֵן כֻּלָּם".

"יעדער איינער האט א שטיקל מח" - זאגט דער רבי, דער מח איז דאך אלוקות, נאר וואס דען, דער מח ליגט אין קטנות, דער מח ליגט אין נארישקייטן, ער טראכט נארישקייטן. איז דער צדיק מאכט דאס אים שיינען. דער רבי זאגט עטליכע מאל: "כפי מדריגת מוחו"; ער גיט אים נישט קיין מח פון א צדיק, נאר זיין מח זאל אים שיינען; אז מארגן וועט עס זיין שענער, וועט אים מער שיינען.

דער רבי האט געזאגט אויף ר' שמואל טעפליקער: "ער איז א 'נכנס ויצא בשלום'!". בשעת דער רבי האט געזאגט דעם ווארט, איז רבי נתן קשה געווען - 'א נכנס ויצא בשלום?!' (ענה רבינו ואמר:) "איך מיין נאר ווערליג זיין מדריגה!".

ר' שמואל איז געווען א בעל בית'ישער מענטש. ער איז געפארן מיטן רבי'ן א נסיעה, האט ער געזאגט: "איך ווייס אזעלכע זאכן פונעם רבי'ן וואס רבי נתן

ווייסט נישט!". נישט אלעם האט ער דערציילט. און דער איז געווען א 'נכנס ויצא בשלום'. ווייל ווערליג זיין מח וואס ער האט געהאט, האט ער געשיינט 'כפי מדריגת מוחו', זיין מח איז נישט געלעגן אין קיין קטנות.

אונזערע לייט האבן געזאגט, דאס איז ווערליג ער גייט אריין אין דעם פרדס; ר' עקיבא איז ער אריינגעגאנגען מערער אין פרדס - איז ער ארויסגעגאנגען מערער; און אז ער גייט אריין אביסעלע, איז וויפיל ער גייט אריין - גייט ער ארויס (- ואז כפי מדריגתו הרי הוא נכנס ויצא בשלום). אז דער מח איז שענער, דער מח איז גרעסער, קען ער אריינגיין ווייטער, קען ער אריינגיין מערער און טיפער. אז דער צדיק זאל מאכן דעם קלענערן מענטש מיט א העכערן מח, דאס קען זיין 'פן יהרסו' גאר, טויג עס דאך נישט.

(אחד הנוכחים: ווערן העכער איז געוואנדן אין דעם מענטש אליין!) יא, אז ער וועט מער טוהן מצוות ומעשים טובים, תורה ותפילה, וועט ער האבן א שענערן מח, וועט דער שענערער מח מער שיינען (דורכ'ן צדיק).

אז רבי נתן איז מקורב געווארן צום רבי'ן, געוועגטליך (- פארשטייט זיך) איז ער געוואקסן און געוואקסן, אלעמאל געווארן מיט א שענערן מח. מען קען דאך נישט צוגלייכן דעם אנהויב התקרבות צו שפעטער, אוודאי האט דער מח אלעמאל מער געשיינט און מער געשיינט.

יעדער איינער איז אזוי, אז ער זאל טוהן מצוות ומעשים טובים, תורה ותפילה און וואס מען דארף טוהן, דארף ער האבן א שענערן מח, און ער האט טאקע א שענערן מח; נאר וואס דען, ער ליגט אין קטנות, זיין מח שלאפט. אז ער קען טראכטן נארישקייטן - שלאפט זיין מח. אבער דער צדיק מאכט שיינען זיין מח, און דעמאלט - אזוי ווי ער דארף האבן זיין מח - אזוי האט ער עס. און אז ער וועט מארגן האבן א שענערן מח - וועט דער מח ווייטער שיינען.

(ר' משה: וואס קען מען היינט טוהן?) **מען דארף טוהן און טוהן און טוהן, תורה ותפילה מצוות ומעשים טובים, קיין דברים בטלים נישט רעדן. וואס מען וועט קוקן מער אין דעם רבי'נס ספר, וועט מען קוקן מער 'הסתכלות פני הצדיק'![סז].**

(ר' משה: אבער ווי קוקט דער צדיק אויף אונז?) **עס איז גאר איין זאך, די ביידע חזיונות קומען זיך צוזאמען; אז משה האט געקוקט אויף זיי - האבן זיי געקוקט אויף משה'ן; אז דער רבי האט געקוקט אויף רבי נתן'ען אזוי לאנג פאר די הסתלקות - האט רבי נתן געקוקט אויפן רבי'ן; די ביידע גייען צוזאמען.**

**דער רבי זאגט ווייטער: "מְמָרֵק וּמְצַחְצֵחַ שְׁתֵּי חֶזְיוֹנוֹת"; דער "חָזוּת אִישׁ"** (- איז דאס וואס מען זעהט דעם צדיק)**. און דער "וְאַתָּה תֶחֱזֶה"** ( - איז דאס וואס דער צדיק זעהט אים)**.**

[סז] עיין ליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו, אות ל"ג (המיוסד על תורה זו): כִּי מִי שֶׁמִּסְתַּכֵּל עַל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת **וַאֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ זוֹכֶה רַק לְהִסְתַּכֵּל בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים** בְּעֵין הָאֱמֶת הוּא יָכוֹל לְהָבִיא הִתְבּוֹנְנוּת אֲמִתִּי בְּלִבּוֹ לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ קְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה עַל יְדֵי עֲצוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁיִּזָּהֵר לְקַיְּמָם בֶּאֱמֶת וּבִפְשִׁיטוּת עַד שֶׁיִּזְכֶּה לִבְחִינַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּשָׁבוּעוֹת שֶׁהוּא לְהַמְשִׁיךְ בֵּאוּרֵי הַתּוֹרָה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לִבְחִינַת תְּחִיַּת הַמֵּתִים בְּחַיָּיו וְכַנַּ"ל. גם עיין פרפראות לחכמה על תורה זו, אות ב', וזל"ש: ועיין נפלאות רבות על פי מאמר זה בליקוטי הלכות הל' תפילין ה"ו ובשאר מקומות בדבריו ז"ל, ועיין שם בהל' תפילין הנ"ל אות כ"ז, **מובן משם שכשמעיינין היטב לשם שמים בספרים הקדושים של הצדיק האמת, ומתבוננין היטב בנפלאות נוראות השגתו הקדושה, ובנעימות אמתת דבריו ועצותיו הקדושים והתמימים וכו', על ידי זה ממשיכין התיקונים המבוארים בפנים שזוכין על ידי ראיית פני הצדיק, כי בהספרים הקדושים הנ"ל שם מאיר פניו ושכלו ונשמתו של הצדיק** וכו'.

# על הטוב יזכרו ידידנו היקרים

שנדבו למען הוצאת הקונטרס

המחותנים

מו"ה אהרן שמואל יאקאבאוויטש הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בנו החה"ח אורי נ"י

מו"ה הערשל אדלער הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל נישואי בתו

למזל טוב

מו"ה יצחק אלטר פיש הי"ו
בארא פארק
לרגל נישואי בתו למזל טוב

מו"ה אהרן משה פריעד הי"ו
וויליאמסבורג
לרגל הולדת בתו למזל טוב

מו"ה שמואל מאיר שפיטץ הי"ו
בארא פארק
לרגל הולדת בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך אלטר
נפתלי בן ציון בן מינדל לרפו"ש

## לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה ע"ה בת ר' יצחק הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים